STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08103

DOS LID FUN OYSLEYZUNG

Zvi Cahn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס ליד פון אויסלייזונג

(טרילאָגיע)

פון

צבי כהן

ארויסגעגעבן פון
בּאָראָכאָוו בּרענטש 14, א. נ. א. פ.
ניו־יאָרק.

Copyright 1938 by
DR. ZVI COHN
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS, 19 W. 21st, New York, N. Y.
255

צו אַן אויפריכטיגן פריינט

אברהם זלאַטין,

דער מענש מיטן גרויסן אידישן
האַרץ, וועלכער האָט מיך באַ־
געגנט, ווי אַ מלאך, דעם
ערשטן טאָג פון מיין קומען
אין דעם לאַנד — מיט אמת׳ער
ברידער־ליבע געווידמעט

דער מחבר

יעדער דור און זיין משיח-לעגענדע

משיח! דער געזאָלבטער! דער באַפרייער! דער טרייסטער! דער פּאָליטישער און מאָראַלישער אויסלייזער פון זיין פאָלק! ער וועט ברייגגען די אידן צוריק אין דעם לאַנד, וואָס זיי האָבן פאַרלאָרן, אומקערן זיי צוריק צו א נייער תורה און א נייער הערלעכקייט!

ער איז געבאָרן געוואָרן אין דעם טאָג, ווען ירושלים איז געפאַלן און דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן. גאָט באַשאַפט די רפואה פאַר דער מכה. איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, איז משיח שוין פארטראכט געוואָרן. האָט גאָט געזען שוין זיין אָנקום. ער האָט באַהאַלטן א גרויס ליכט אונטער זיין כסא הכבוד, אום ארויס־צונעמען עס פון דאָרטן אין דעם טאָג, ווען משיח וועט קומען אויס־צולייזן זיין פאָלק. און דאָס גרויסע ליכט וועט שיינען אין פולער ליכטיקייט, וואָס איז זיבן מאָל מער ווי די ליכטיקייט פון דער זון אין מיטנטאָג.

משיח איז אן אָפּשטאַם פון דעם הויז פון דוד המלך, פון יענעם וואונדערבארן זינגער פון געטלעכן תהילים, פון יענעם ליידנשאפטלעכן זינדיקער, וועלכער האָט אין די אויגן פון זיין פאָלק, קיינמאָל נישט געזינדיקט — אזוי באַליבט איז ער געוועזן פון זיין פאָלק און זיין גאָט.

משיח לעבט דורך די אלע יאָרהונדערטער פון דעם אומענדלעכן אידישן גלות, אין גאָטס אויפזע, באהאלטן פון אלעמען, פון קיינעם נישט געקאָנט. גאָרנדיק אויסצולייזן, ווי זיין פאָלק גאָרט אויסגע־לייזט צו ווערן. טעגלעך בעטן זיי אויף זיין קומען, טעגלעך דער־וואַרטן זיי אים. און טעגלעך פרעגט ער זיין פאָטער, דעם באַשאַפער, צו איז דער טאָג שוין געקומען. דורך די אלע יאָרהונדערטער אזוי.

יעדער טאָג קאָן זיין דער טאָג פון זיין קומען. יעדער דור לעבט אין דער האָפנונג, אז ער וועט זען דעם אָנקום פון משיח. און יעדער דור האָט אויסגעדריקט זיין גלויבן און זיין האָפנונג אין פאַרשיידענע משיח־לעגענדעס און געזען זיין אָנקום דורך פארשיי־דענע סימנים.

צבי כהן האָט אין זיין פאַרליגנדיקן ווערק פאַראַפראזירט די אַלע לעגענדעס און נאָכגעשאפן נאָך זיי משיח־זעאונגען, צוגעפאסטע צו די אומשטענדן פון אונזער צייט.

די אַלטע משיח־זעאונגען זיינען געוואָרן א טייל פון דעם פאָלקס גלויבן. צבי כהן באַווייזט אונז, ווי זיי זיינען ארויסגעוואקסן פון דעם ווייגעשריי פון דער צייט.

דוד פינסקי.

א פּאָר ווערטער

די טרילאָגיע איז אויסגעבויט געוואָרן אויפן גרונט פון דער משיח־לעגענדע, וואָס איז פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער אַלטער אידישער ליטעראַטור. די לעגענדע האָט מיר אבער נאָר געדינט אלס בוי־מאַטעריאל, די קאָנסטרוקציע, פאָרם און אינטערפּעטאַציע איז אַן אייגענע.

פון דער משיח־לעגענדע האָב איך גענומען נאָר אזעלכעס, וואָס איז ריין אידיש. דאָגעגן יענע שטעלן, וואָס קלינגען קריסטלעך, ווי: משיח טראָגט א באַלקען אויף זיין רוקן, אָדער אז ער ליידט פאר אונזערע זינד א. ד. ג. (די פראגע ווער עס האָט גענומען ביי וועמען איז דאָ נישט וויכטיק) — האָב איך אויסגעלאָזט. איך האָב געוואָלט געבן א א י ד י ש ן משיח. איך האָב זיך אויך נישט באַנוצט מיט די גוואלדיקע גוזמאות און איבערטרייבונגען פון א טייל דרשנים, ווייל זיי זיינען דער בלאָסטער טייל פון דעם משיח־מאַטעריאל.

די אויסטייטשונג פון א טייל צייכנס צו דער היינטיקער צייט, איז אַן אייגענע, אָבער זייער נאָענט צום טעקסט פון דער לעגענדע.

צ. כ.

ערשטער טייל

די שכינה אין גלות

השכינה מה אומרת:
קלני מראשי קלני מזרוע.
(פרק שירה).

א.

דריי טעג פארן חורבן הבית, האָט מען אין היכל פון גאָטס הויז, פון מאָרגן־פרי ביז נאכט־טיף, פונם קדשי־קדשים פרוכת א פויר, פון צווישן די כרובים ארויס, א קול א שטילס פארנומען, וואָס האָט גע־ברומט ווי א טויב:

ווי מיין פאָלק,
ווי מיין לאַנד,
ווי מיין הויז,
ווי מיין היים.

און אין אָוונט פון יענעם וויסטן טאָג, ווען בלוט־רויטע, פלאַמען־צונגען ווי פייערדיגע הימל־ריטער, האָבן די הענט זיך געגרייכט, דאָס הויז פון אלע זייטן ארומגענומען, און א שטיין נאָך א שטיין איז צו־פאַלן, האָט די שכינה געגידערט פון פליגל צו פליגל, צו די ברע־נענדע ווענט זיך געטוליעט, זיי געקושט און אויף זיי געוויינט, און געהערט האָט מען איר צער־געשריי פיר הונדערט מייל ארום ירושלים:

— ווי מיר, ווי מיר מאַמע פון די אידן!

דאָס ליד פון אויסלייזונג

און אויפגעשטאַנען איז די שכינה, די מאַמע אונזערע, און איז אַוועק ביז פאר גאָט און איר יאָמער־געשריי האָט זיך געהערט איבער אַלע הימלען:

— גאָט פון ישראל, דו האָסט געשוואוירן דיין פאָלק צו מערן, איצט ברענגסטו אויף זיי פאַרניכטונג גאָר.

נאָר גאָטס שטימע, פול צאָרן האָט איר אָפגעענטפערט:

— איך ברענג אויף זיי די שטראָף פאר זייערע זינד! איך טו צושטערן זייער לאַנד, פאַרוויסטן מיין הויז, דען זיי האָבן אין מיר פאַרגעסן.

האָט רחל געבעטן ביי גאָט:

— גאָט, זיי האָבן דיין תורה נאָר פאַרגעסן, דיין נאָמען דערמאָנען זיי אָבער מיט היילינקייט.

נאָר גאָטס קול, פול מיט צער האָט גערופן:

— בעסער וואָלטן זיי אָן מיר פאַרגעסן, אָבער מיין תורה אָפגעהיטן.

איז רחל געפאַלן פארן כסא הכבוד און געוויינט:

— פאַרגיב זיי, גאָט, פאַרגיב זיי!

נאָר גאָטס שטימע האָט זיך געטראָגן ווי א שטורם איבער אַלע וועלטן:

— איך האָב געשוואוירן, אַזוי זאָגט דער אייביגער, און הייליג איז מיין וואָרט און איך וועל מיין שבועה נישט ענדערן.

צבי כהן

האָט רחל אויסגעבראָכן אין א יאָמער־געוויין:
— מיינע קינדער... מיינע קינדער...
האָט ביסלעכוויז, ביסלעכוויז אין גאָט זיך געשטאַרקט די מידת הרחמים, און שטיל געוואָרן איז זיין כעס. האָט ער ברוך הוא געקוקט מיט מיטלייד אויף רחל'ן, און מילד און ווייך צו איר געזאָגט:

זיי געטרייסט, רחל מוטער,
פאַרמייד דיין שטים פון געוויין,
וויש דיינע אויגן פון טרערן אויס:
עס וועט זיין א באַלוינונג פאר דיין ווערק,
א האָפנונג צו דיין ענד,
און עס וועלן זיך דיינע קינדער אומקערן צוריק אהיים.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און נאָך האַלבער נאַכט, ווען די פייער־צונגען, האָבן דאָס קדשי־קדשים ארומגעחינגלט, האָט די שכינה געזען, אַז געקומען איז די לעצטע שעה, האָט זי ביזן אבן־שתיה גענידערט, ארום דעם שטיין זיך געקלאַמערט, און לאַנג־לאַנג אויף אים געוויינט... און ווען עס האָבן זיך שוין אָנגעזעגנט אירע קליידער, איז זי ארויס, די הענט צום הימל פאַרשפרייט, און געזיפצט האָט זי און געברומט:
— מיינע קינדער... מיינע קינדער...

דאָס ליד פון אויסלייזונג

האָבן אידן באַלד געזען ווי א פרוי אין שוואַרצן געוואַנט, דאָס פנים אין א שלייער פאַרהוילן, איז פון צווישן די פלאַמען ארויס און אַוועק אויפן וועג קיין בית־לחם...

און ווען די ערשטע טיטוס־גולים זיינען צו קבר רחל אָנגעקומען, האָבן זיי אויפן שיידע־וועג די פרוי אין שוואַרצן געטראָפן, און געזאָגט האָט זי צו זיי:

קינדער, איר גייט אין גלות אריין,
וואו איר וועט גיין, וועל איך אויך גיין,
וואו איר וועט ליידן, וועל איך אויך ליידן,
צוזאַמען מיט אייך וועל איך וואָגלען,
אייער צער איז מיין צער,
אייער ווייטאָג — מיין ווייטאָג
עמך אנכי בצרה...

האָבען די אידען אויפגעהויבען זייער קול און געכליפעט:
— מאַמע, מאַמע...

נאָר באַלד האָט דאָס טיטוס־חיל די גולים ווייטער געטריבן, האָבן זיי זיך געלאָזט אויפן וועג אין גלות אריין, און די שכינה — נאָך זיי...

צ ב י   כ ה ן

ב.

זייט דעמאָלט האָט זיך אָפּגעטאָן די יוגנט פון דער שכינה, פאַרשוואונדן איז די טוי־פּריִשקייט פון דער יונג־פרוי; טיף געפאלדעט איז איר שטערן; פּאַרמעט־געל די באַקן, און אַ וויסטקייט טרויערט אין אירע אויגן־לעכער, וועלכע זיינען אויסגערונען פון וויינען; איר קערפּער איז געבויגן, און זי פּאַרברענגט ווי אַן אָבל אירע טעג. ווען אידן וואַנדערן, וואַנדערט זי מיט, און ליידן אידן, ליידט זי מיט זיי.

און רוען אידן, איז אידן גוט, און זיי געדענקען אָן דער מאַמע, און ברענגען איר נאָמען אויף זייערע ליפּן, שטראַלט פון פרייד אויף איר פּנים, צולייגט זיך אַ שמייכל־חן איבער די קנייטשן, און זי זאָגט גליקלאך:

— ליבע קינדערלאך... מיינע קינדערלאך...

און זיצן אידן ערגעץ־וואו און לערנען תורה, פאַרנעמען זיי פּלוצים אַ שטיל פלאַטערן אין דער לופט. נידערט אַ שטילע הייליקייט אויף זיי אַראָפּ, און אַ ליבע אימה נעמט זיי ארום, פילן זיי די נאָענטקייט פון דער שכינה, אָבער זיי האָבן מורא צו קוקן רעכטס אָדער לינקס, פאַרבאָרגן זיי די קעפּ אין די ספרים, ציט עס זיי צו לערנען הויך, ווערט זיי דאָס לערנען אַזוי זיס, גיסט עס זיך ווי ווין אין אַלע זייערע ביינער, און דאָס הארץ קלאַפּט און שרעקט, און פול מיט בענקשאַפט איז עס, און אַ גרויס ליכט שוועבט פאַר זייערע אויגן — ווייסן זיי, אז די מאמע איז מיט זיי, די שכינה רוט איבער זיי...

דאָס ליד פון אויסלייזונג

און נאָך האלבע נאכט, ווען צעבראָכן פון צרות, זיצט א איד אין זיין שטוב און טראַכט און טראַכט, גאָרנישט צו דערטראַכטן, פאַר־נעמט ער פלוצים אין דער שטיל, א זיפצן און א ברומען אין זיין הויז. עס איז דאָס זיפצן נישט פון א מענש, און עס איז דאָס ברומען נישט פון קיין טויב, און עס צונעמט דאָס זיפצן יעדן ביין, און עס ציט דאָס ברומען ארויס יעדע חיות, און א ווייטאָג נאָך א ווייטאָג רופט זיך אין האַרצן אָפּ, און וואונדן נאָך וואונדן פון אמאָל וועקן זיך אויף — — — ווייס דער איד, אַז דאָס זיפצט און ברומט אויפן צער פון אירע קינדער, די מאַמע אונזערע, די מאַמע פון די אידן...

טוט אים וויי דאָס האַרץ אויף איר, ליידט ער פאַרוואָס זי ליידט, זיפצט ער מיט אירע זיפצן, און ברומט מיט איר ברומען, און באַלד זעצט ער זיך צו דער ערד א נידער, וואַרפט אראָפּ די שיך פון זיינע פיס, צינדט צוויי גרויסע ליכט אָן, שיט אַש אויף זיין קאָפּ, און קלאָגט אין דער שטיל:

וויי גרויס איז דיין וויי, ווי טיף דיין שמערץ
שווער און טיף איז דיין בראָך!

נאָר די שטים פון דער מאַמע ענטפערט אים אָפּ:

אָבער מער לייד איך קינד, פון דיין לייד
פון דיין וואַנדערן אונטערן גלות־יאָך!

און זיצט ווען א בודד אין א פאַרנאַכט אין זיין חדר׳ל, ביים פענסטער, ווען די זון פארגייט אין מערב, און עס וועקט זיך זיין

צבי כהן

נשמה ביי אים און נאָגט, און ער קוקט צו די שטראַלן ווי זיי פאַר־גייען, און ביי אים אין האַרצן איז אויך אזוי, נשמה־שטראַלן זינקען דאָרט, אָוונט ביי אָוונט שטאַרבן זיי אָפּ. וועקן זיך ליידן נאָך ליידן אויף, רופן זיך וואונדן נאָך וואונדן אָפּ, קוקט ער און זעט: פאָטער און מוטער גאָרנישט געגעבן, ברידער האָבן אים געגאַרט, פריינט — גאָר פאַרלאָזן, און זי, די איינציגע איז פאַלש געוואָרן, חלומות געווען און פאַרשוואונדן, די יוגנט איז מיט נישט פאַרפלויגן, די ביכער האָבן גאָרנישט געלאָזן, און אין הארצן איז קאַלט און וויסט...

זיצט ער און קוקט ארויס אין טיפער נאכט, קוקט און קוקט זיך די אויגן אויס, זוכט א שטערן אין מחשכים, א פינטעלע אין דער שוואַרצער לופט, און דער קאָפּ גליט און איז הייס, און דער מח פליט און רייסט...

דערזעט ער פלוצים א פרוי אין שווארצן, ווי זי דערנענטערט זיך צו אים, דערקענט ער זי באַלד, עס איז די מאַמע, די מאַמע פון די אידן, שפּרינגט ער אויף מיט די הענט פאַרשפּרייט:

— מאַמע, מאַמע, קום צו מיר, קום!...

פאַלט א שלאָף אויף אים אָן, דערזעט ער איצט ווי די מאַמע דערנענטערט זיך צו אים, טרייסט אים, נעמט אים אויף איר שויס, צערטלט זיינע לאָקן און קושט אים הייס, און זי שטאַרקט זיין האַרץ צו ליידן נאָך, און זי גיט אים מוט צו דולדן פיל, און זי טראָגט

דאָס ליד פון אויסלייזונג

אים שטיל אויף זיין בעט, און לאָזט אים איר שמייכל ליב איבער, און ער הערט אירע רייד:

— זיי געשטארקט, מיין קינד, דיין טאָג וועט קומען. וואַרט פאר אים! אַרבעט פאר אים! פארצווייפל נישט!

גייט זי פון אים אוועק, און וואַנדערט ווייטער מיט אירע פריי־לינס, וואָס באגלייטן איר, דריי פון רעכטס און דריי פון לינקס, און זי אין מיטן, ווי דאָס געשטאַלט פון אַ מנורה.

זעט זי ווי עס שמאַכטן ערגיץ־וואו אויף א בוידעם וויסט אי־דישע קינדערלאַך פון פארהאָרעוועטע עלטערן. פון באַגינען אָן זיי־נען זיי אויף גאָטס באַראָט געלאָזט געוואָרן, און עס חלש׳ן די שוואכע הערצלאך נאָך א ביסן ברויט, און עס ציטערן די בלייכע ליפעלאך פון רופן: „מאַמע!‟ קומט זי באַלד אין זייער חדר׳ל, הויבט זיי אויף פאַר׳חלש׳טע פון אויף דער ערד, גלעט זי זיי איבער די קעפּלאַך, קושט זיי אויס די אויגעלאך, טרינקט זיי אָן מיט מילך, נעמט זיי אויף איר שויס, און טרייסט זייערע הערצעלאך.

און טרעפט, רחמנא לצלן, אז ביי א אידישער מאַמע שטאַרבט איר פּיצל אָפּ, און עס זויגט דאָס קינד פרעמדע מילך, און עס שמאַכט נאָך א ליב וואָרט, זאָגט די מאַמע צו די פריילינס: פאַראַן נאָך פאַר אַ קינד צו זאָרגן איצט. און זי קומט אין יענעם הויז שטיל, אלע מאָרגן פרי און אָוונט שפּעט, נעמט דאָס קינד אויף דער האַנט, האַלזט עס ליב און קושט עס זיס, טאַנצט דערמיט אויף און אָפּ, כדי עס

צבי כהן

זאָל חלילה דעם קינדס הערצעלע ניט טריקענען, עס זאָל עס חלילה מוטער־צערטלאכקייט נישט פעלן...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און טרעפט, רחמנא לצלן, אז עס גרייט זיך ערגעץ וואו אן אומגליק־טאָג פאר די קינדער פון ישראל, רוט די מאַמע שוין נישט, שטורמט זי אין איר היכל, לויפט פון טיר צו פענסטער, און ברעכט א האַנט אין אַ האַנט, און באַלד לויפט זי צו די אבות מיט א יאָמער־געשריי:

— אבות פון ישראל, אן אומגליק־טאָג איז היינט, א שחיטה־טאָג אויף די קינדער!

און זי לויפט גלייך אין מאַרק אריין, טרעפט זי דאָרט די שלעגערס, מיט די העק אויפן אקסל פאַרוואָרפן, שטעלט זי זיך פון פאָרנט און שפרייט אירע הענט איבער די אידישע קינדער אויס, און שיצט זיי פון א קלאַפּ. דערזען די שלעגערס ווי א פרוי אין שווארצן געוואנט, שיצט איבער די קינדער פון ישראל, היט און באַשירמט זיי, ברענט אין זיי דער כעס און זיי הויבן די האַק איבער דער פרוי אויף, פאלט אויף זיי א בליק פון דער שוואַרצער ליידיגקייט, פון אירע פון וויינען אויסגערונענע אויגן, בלייבן זיי פאַרשטיינערט שטיין, מיט די העק אין דער לופטן געשטרעקט, לאָזן די אויגן אראָפּ און דרייען זיך אָוועק...

און אין אָוונט פונם טאָג, ווען די זון פארשעמט און בלוט־רויט, זינקט גיך און פארשווינדט ווי זי וואָלט פון דער וועלט אנטלאָפן

דאָס ליד פון אויסלייזונג

אין וועלטן ווייט־ווייט, גייט ארום רחל, אונזער מאַמע מיט אירע זעקס פריילינס אין באגלייט, און וואו זיי טרעפן א פאַרוואונדעטן, גלעטן זיי איבער זיין קאָפּ און דערפרישן אים פונם לאָגל גן עדן־וויין, פאלט א ליבער שלאָף אויף אים, קושט די מאַמע זיינע ליפּן ארויס, און שעפּטשעט שטיל:

— שלאָף מיין קינד, שלאָף מיין טרייסט...

און צו די אידישע טעכטער גייט זי, וואָס מען האָט זיי די אומשולד בארויבט, און וואו זי טרעפט זיי דאָרט, סיי די רייכע אין איר ווייס צימער, וואָס רייצט איצט איר אומשולד נאָר, סיי די אָרימע יתומה, וואָס שטייט ביי אן אויוון וויסט, דעם קאָפּ צו דער ערד אַראָפּגעהאַנגען און שלינגט די טרערן, און זי טריפט זיי ווערטער פון טרייסט, גלעט זיי איבער די קעפּלאך, ווישט זיי די טרערן פון די אויגן אויס, דריקט זיי צו איר הארצן פעסט, און זאָגט צו זיי:

— קינדערלאך, איר האָט א קרבן צו גאָט געבראכט; א קרבן פאַר אייער פאָלק... זייט ניט געפאַלן ביי זיך! איר זייט נאָך מער אומשולדיג ווי פריער!... נאָך ריינער ווי געוועזן!... נאָך לויטערער ווי אמאָל!...

ג.

אַנדערש אָבער איז עס אין יום השבת. קומט נאָר פרייטאג נאָך חצות, הויבט זיך די שכינה פון איר אבלות־בענקעלע אויף, טוט

צבי כהן

אויס אירע שוואַרצע קליידער, און וואַשט אָפּ איר פּאַרוויינט געזיכט. געשעט א וואונדער באַלד: די בלינדע מאַמע באקומט צוריק די ליכט פון אירע אויגן, און זי זעט פון עק וועלט ביז עק, און יונג ווערט זי ווידער און מלא חן ווי א בתולה אין די כלה־יאָרן...

קליידן זי באַלד די פריילינס אין די ווייסע חופּה־קליידער אָן, פירן זיי זי ביז צום מלכות טראָן, טראָגן איר דעם ווייסן שלייער נאָך, באַזעצן זי הייליג דאָרט, טוען איר אָן דעם כתר שבת אויפן קאָפּ, און נייגן זיך און בוקן פאר איר, און זאָגן צו איר מיט שמחה פול: „גוט שבת, מלכתא, גוט שבת, מלכתא, אזוי זאָלסטו זוכה זיין בעגלה ובזמן קרוב צום כתר מלכות פון דער גאולה!" שטייט די מאַמע פון טראָן אויף, בייגט זיך אויף רעכטס און בייגט זיך אויף לינקס, און זאָגט צו אַלע ליב: „גוט שבת, גוט שבת, זיין הייליגקייט איבער אונז רוט, און די גאולה איז נאָענט", דערנאָך הויבט זי הויך אירע הענט, און זי בענשט דעם הייליגן שבת און די קינדער ישראל, און זי לאָזט זיך אוועק אין די אידישע געסלאך, די ליבע קינדער „גוט שבת" צו ביטן.

דערזען אידישע קינדער אינם געסעלע א יונג־פרוי אין ווייסן געקליידט, און געמאָסטן זיינען אירע טריט, ווי די טריט פון ציונס טעכטער, זעען זיי ווי זי קוקט אין די אידישע הייזער אריין און קוועלט פון גרויס נחת אָן, ווייסן זיי, אז די מאַמע איז געקומען צו זיי, צוזאַמען מיט זיי דעם הייליגן שבת צו פאַרברייננגען.

דאָס ליד פון אויסלייזונג

און עס גייט די מאַמע פון געסעלע צו געסעלע, און וואו זי זעט ליכט ברענען, די בעטן אויפגעבעט, דאָס שטיבעלע אויסגעקערט, אויפן טיש די חלות באַדעקט, ווײַן מיט א בעכער צום קידוש גרייט, די עקרת הבית אָפּגעוואשן, און די קינדערלאך לכבוד שבת אָנגעטאָן, ווערט זי פול מיט פרייד, און הויבט צום הימל אירע הענט אויף:
— געבענטשט זאָלט איר מיר זיין, אידישע קינדערלאך!
פאַרגעסט די שכינה אָן איר צער, ווערט זי צו די אידן מיט ליבע פול, בענקט זי און לעכצט צו זיי ווי א כלה צו א חתן, פילן דאָס די אידן באַלד, בענקען און לעכצען אויך זיי צו דער כלה.
גייט די שכינה איבער די שולן, הערט זי ווי די כנסת־ישראל זינגט:

וואי שיין איז דיין ליבשאפט מיין שוועסטער כלה,
וויפיל בעסער איז דיין ליבשאפט פון ווײַן
און דער ריח פון דיינע זאַלב־איילן
מער פון אלע בשמים.
ענטפערט די כלה־שכינה פון דרויסן אָפּ:
מיין געליבטער איז מיינער
און איך געהער צו אים.
און די כנסת ישראל ענטפערט:
קער דיך אום, קער דיך אום,

א, שולמית

צבי כהן

קער דיך אום, קער דיך אום,
און לאָמיר דיך זען!
און די שכינה פול מיט בענקשאַפט:
טו מיך ארויף ווי א זיגל רינג
אויף דיין האַרץ,
ווי אַ זיגל רינג אויף דיין אָרעם
וואָרים שטאַרק ווי דער טויט איז — ליבע.

שטייט זי נאָך לאַנג פון דרויסן מיט איר בענקשאפט־וויי, און וואַרט אָפּ ביז אידן וועלן פון שול גיין, און זי באגלייט זיי דערנאָך ווייט מיט אירע בליקן, קערט זיך צוריק צו איר טראָן אום, און פאַרברייגגט אין פרייד דעם הייליגן טאָג צוזאַמען מיט אירע קינדער...

נאָר שבת צו מנחה, ווען עס איז אן עת רצון איבער דער וועלט, קאָן די שכינה מער אויף איר טראָן נישט פארבלייבן, נידערט זי אַראָפּ און שטעלט זיך אויף די עפּענונגען פון די ווענט.

פאַלט וואָס מער די נאַכט צו, דער הייליגער שבת גייט אוועק, און א גרויסע קנויל פון וואָכעדיגקייט דערנענטערט זיך, שוועבט א בענקשאפט איבער דער וועלט, ווערן די הערצער מיט ליידן פול, עפנט זיך דער קוואַל פון באַגערן, בענקט א מאַמע נאָך איר קינד, א כלה נאָך איר חתן, אן עלנדער נאָך א פריינט, און א וואנדערער נאָך א היים... ברעכט א האַרץ פון ספקות פול, לעכצט א זוכער נאָך א גאָט, און א נשמה נאָך א תיקון, פילט דאָס די מאַמע

דאָס ליד פון אויסלייזונג

באַלד, לאָזט זי זיך אויף איינעם פון די וועגן, פירן אירע טריט זי צוריק אין די געסלאך אריין, קומט זי ביז הינטער די ווענט פון א שטיבל צו, וואו אידן עסן שלש סעודות, אָבער דאָס עסן איז דאָרטן ניט דער עיקר, נאָר עס בענקען די נשמות צו זייער מקור... זעט זי ווי עס זיצן אידן ביי טישן ארום, אויסגעטאָן פון דער וועלט גאָר, דאָס הארץ איז פול מיט וויי, די התעוררות איז גרויס, דאָס געבעט איז — התגלות אלהים, און דער באַגער איז צו באַהעפטן זיך צוריק מיט דער שכינה...

זינגען אידן:

זאָל ער רופן א באַפרייאונג
פאר דעם זון מיט דער טאָכטער
און זיי אָפהיטן ווי דעם שוואַרץ־אַפּל
פון זיין אויג.

זיפצן אַנדערע:

פאַר אונזער נשמה א באַפרייאונג
פון לאַסט און פון קרעכצן;
און פאר ציון, די פאַרשטויסענע,
ביז וואַנען וועט זי נאָך אונז לעכצן?...

קאָן די שכינה זיך מער נישט גובר זיין, קומט זי אין דונקעלן שטיבעלע אריין, און פלאַטערט איבער די אידן־עדה — — — פילן

צבי כהן

אַלע באַלד: די שכינה איז דאָ! די מאַמע איז געקומען; לאָזן די זקנים אראָפּ די קעפּ, טוליען זיך די קינדער צו די פעטער, און עס הערט זיך א קרעכץ נאָך א קרעכץ, און יעדער קרעכץ שניידט זיך אין דער לופט אריין...

הערט זיך באַלד א קול א ליבס, ווי עס ברומט:

— קינדערלאַך, קינדערלאַך, כ׳בין מיט אייך, כ׳בין מיט אייך!...

נאָר באַלד קומט דער גוי מיטן ליכט אין דער האַנט אריין, פאַרשווינדט די מאַמע באַלד אויף איר וואָגל-וועג, און עס בלייבט א הוילקייט אין די לופטן איבער...

ד.

הערט זיך באַלד דאָס געשריי: „שובו רשעים שאולה!" פילט זיך די שכינה אויך אין דער בחינה. טוט זי אויס אירע בגדי שבת, קליידט זיך ווידער אין די אבלות-קליידער אָן, און זעצט זיך אויפן פוסן-ביינקעלע, צו טרויערן ווייטער אויפן גורל פון די קינדער...

וועקט זיך ביי איר אין הארצן א טיפער ווייי, איז די מינוט גלייך ווי פון חורבן-הבית, דערמאָנט זי זיך אין די אידן, ווי זיי האָבן אויף איר קומען געלעכצט, ווערט איר ענג אין די הימלען, הויבט זי זיך פונם ביינקעלע אויף, גייט ביז פאר גאָט און הויבט א יללה אויף, אז עס ווערן אַזש פאַרציטערט די כרובים, און זי וויינט און זי קלאָגט:

דאָס ליד פון אויסלייזונג

— גאָט, ווי לאַנג נאָך? ווי לאַנג דען? ווען וועט דער סוף פון גלות זיין?

נאָר גאָטס שטימע ענטפערט שטיל:

— טרייסט דיך מיין קינד, נאָך האָב געדולד, נאָך איז די וועלט נישט ראוי אויסגעלייזט צו ווערן...

הויבט רחל אויף איר קול נאָך העכער:

— אָבער מיינע קינדער, גאָט, זיי זיינען ראוי, זיי לעכצן נאָך דער גאולה, זיי בענקען נאָך דיין נאָמען! נאָך דיין מלכות איבער דער וועלט.

און גאָטס שטימע הערט זיך ווידער:

— דיינע קינדער, גואלים זיינען זיי אלע; אויסלייזער פון דער וועלט; פון דיינע קינדער וועט קומען דער גואל; ער טראָגט אין זיין הארץ א וועלט א נייע; ער וועט די וועלט מיר משלים זיין, ער קען אָבער נישט קומען נאָך, נאָך איז דער דור נישט ראוי! טרייסט זיך, רחל, זיי געטרייסט!...

קערט זיך די שכינה דערדריקט צוריק, און וואַרט דעם אשמורת הבוקר אָפּ.

***

הויבט נאָר דער הימל אָן קלאָרער צו ווערן, און די זון פעדערט זיך אַרויסצוגיין, הילט זיך די שכינה אין אַ שוואַרץ טוך איין, און לאָזט

צבי כהן

זיך איבער הויז און לאַנד, די אידן צו זען, צי זיינען זיי שוין צו דער גאולה ראוי.

קומט זי אויפן לאַנד ארויס, זעט זי אידן מיט זעקלאך וואַנדערן, גייט זי נאָך זיי, פירן די טריט אינם פּריצס הויז, שטייען זיי אויפן הויף אונטערטעניג ביז זיי ווערן צום פּריץ דערלאָזט, און קומען זיי אין דער פּריץ־שטוב, בייגן זיי זיך רעכטס און בייגן זיך לינקס, גלוסט זיך דעם פּריץ צו לאַכן פון זיי, טוט ער זיי די היטלאך פּארדרייען, לאַכט און קוועלט ער פון דעם אָן, לאַכן זיי און קוועלן מיט אים מיט... רייצט ער באַלד זיינע הינט אויף זיי, ציטערן זיי און לויפן פון אָרט צו אָרט און באַהאַלטן זיך איינער הינטערן אנדערן. לאכט דער פּריץ און קוועלט אָן, שמייכלען זיי מיט ווייטאָג מיט, עס איז פונם פּריץ אזוי גוט געווען, אַ שפּאַס איבער זיינע אידעלאך צו מאַכן...

פאַרלאָזט די מאַמע זיי באַלד, גייט זי אין שטאָט אריין, קומט זי אין די געסלאך, זעט זי די נעכטיגע שבת־אידן, ווי זיי שטייען אין קראָמען קליינע, פאַרקויפן פאַר גראָשנס און דינגען זיך, שילטן און רייסן זיך איבער א פּרוטה, אלע אזוי, מאן און פרוי און קינדער קליינע, און ביי זיי איז זייער וועלט ווי א קראָם גרויס, און עס פּארגייען זייערע טעג אָן לאַכן, זיפצט די מאַמע: נישט זיי וועלן די גואלים זיין, נישט פון זיי קומט דער גואל...

גייט זי אין די גרויסע גאַסן, קומט אין הייזער גרויסע, קלאַפּט אָן אין די געשניצטע טירן, און בעט א שטיקל ברויט, ווייס מען נישט

דאָס ליד פון אויסלייזונג

ווער, זי איז, און מען דערלאַנגט ארויס א ברויט־שניט, בעט זי ווידער צו לאָזן איר אָפּרוען, וויל מען נישט און דאַך יאָ, קומט זי אריין אין א הויז, הערט זי ווי אויף פּרעמדע לשונות רעדט מען דאָרט. פרעגט זי: אידן וואוינען דאָ? ענטפערט מען איר מיט א שוואַכן יאָ, און די טאָכטער איז גליקלאַך צופרידן: „איך בין גאָרנישט ענלאך צו אידן", פרעגט זיי די מאַמע: אויב זיי בענקען נאָך דער גאולה? ענט־פערט מען איר: „עס איז דאָ אונזער היים; דאָ דאָס לאַנד" גייט זי פארוויטיגט אוועק, שרייט מען איר נאָך: דער ברויט־שניט. ענטפערט זי מיט שטאָלץ זיי אָפּ: פון אזעלכע וויל איך נישט, און פארשווינדט ווייטער אויף איר וועג.

וואַנדערט זי אזוי א גאַנצן טאָג, און דאָס האַרץ איז פארביטערט ביז גאָר, און ווען עס זינקט דער טאָג, איילט זי ביז צו דער כותל מערבי, און שרייט אויס הויך:

מויער, מויער, דו ביזט צושטערט,
אייביג, אייביג, וועסטו עס זיין;
הויז, הויז, דו ביזט חרוב;
אויף אייביג, אייביג חרוב;
קינדער, קינדער איר זענט אין גלות,
אויף אייביג, אייביג אין גלות;
גואל, גואל, דו האָסט נישט וועם צו דערלייזן,
אייביג, אייביג וועסטו עס נישט האָבן;

צ ב י   כ ה ן

שכינה, שכינה, דו ביזט פאַרוואַגלט,
אייביג, אייביג וועסטו אזוי זיין...

הערט מען דאָס קול איבער גאַנץ ירושלים, ציטערט אויף אַלט און יונג, פאַרלאָזן אלע זייערע הייזער, גייען ביז צו דער וואַנט, דערזען זיי א פרזי אין שוואַרצן געוואַנט, ווי זי שלאָגט דעם קאָפּ אין דעם מויער, און וויינט א שרעקלאך געוויין, זעצן זיך אַלע אבלים צו דער ערד, און עס הויבט זיך א נייער גלות אָן.

ה.

קומט די שכינה פאר גאָט, שלאָגט מיט די פויסטן זיך אין קאָפּ, און זי שרייט, און זי שטורמט:

— נעם דעם גואל דיר, פאָטער! אין א באזונדער היכל אים פאַרשליס, און נישט וויסן זאָל ער פון גאולה מער, און נישט בענקען זאָל ער גאָר דערנאָך, און אָפּגעמעקט זאָל עס זיין און פאַרגעסן אויף אייביג גאָר, דען ווי איז מיר, ווי איז מיר, ווען וועט ער אויסלייזן נאָך? מיינע קינדער, וואו זיינען זיי דען? — — — — אויף אלע וועגן פאַרבלאָנדזשעט ווייט, צו אַלע פעלקער משרתים זיי, ליכט טראָגן זיי אומעטום, און אין זייערע געסלאך איז חושך־שטאָק! גאָט, וואָס האָסטו פון מיינע קינדער געמאַכט? פאר דיין וועלט האָסטו זיי דיר צוזייט! יעדן לאַנד זיי צוגעטיילט! צו וואַכן דעם מאָרגן־רויט, צו

דאָס ליד פון אויסלייזונג

וועקן דייך גייסט אויף, צו רופן דייך נאָמען הויך, אָבער פאַרגעסן האָבן זיי אָן מקור גאָר. זיי געדענקען מער אָן דער מאַמען נישט. וויי מיר! וויי צו קינדער, וואָס האָבן אין דער מאַמען פאַרגעסן; וויי צו א מאַמען, וואָס די קינדער האָבן אין איר פאַר־געסן...

נאָר גאָט ענטפערט איר ליב און טרייסט זי:

— וויש דיינע אויגן, טאָכטער, אויס, דיינע קינדער — גרויס זיינען זיי! יעדער איד — איז א גואל; יעדעס אידיש קינד — א משיח: ס'קומט די גאולה נישט מיט אמאָל: יעדן טאָג קומט זי; יעדן טאָג לייזן זיי אויס; זיי זיינען די וועלט מיר משלים! שותפים זיינען זיי צו מעשי בראשית, בני אלהים זיינען זיי, בני אלהים — — — —

גיי, טאָכטער, מיט פרייד זאָג עס זיי, די אומות העולם זאָג: איר האָט איינעם פון מיינע קינדער אויסדערוויילט, בן אלהים רופט איר אים, אזוי זאָגט גאָט: אלע זיינען מיינע קינדער, אלע זיינען זיי בני אלהים, אלע שאַפן זיי די וועלט ווייטער, זיי טראָגן זי אויף זייערע רוקנס. זאָג זיי, צו יעדן איד דינען דאַרפן זיי!

און וויין נישט מער, רחל טאָכטער, קלאָג נישט מער, שכינה־ליב, אזוי זאָגט גאָט דער איביגער: עס דערלייזט דיין פאָלק די וועלט מיר, און פון זיי קומט דער גואל, גרויס און געאכפערט איז זיין נאָמען, און דערלייזט וועלן ווערן אַלע...

צבי כהן

נאָר רחל וואַרפט זיך צו די פיס פון כסא הכבוד און יאָמערט שטיל:

— כ'וויל נישט גאָט אזוי; כ'וויל נישט געבן מיינע קינדער פאַר דיר מער; כ'וויל א גואל האָבן און נישט גואלים; כ'וויל די וועלט דיר נישט משלים זיין; גיב מיר, פאָטער, מיינע קינדער צוריק! גאָט, איך וויל ניט קיין בני־אלהים; בני רחל זאָלן זיי זיין; מיינע קינדער, מיינע, מיינע; כ'וויל מיין פאָלק, כ'וויל מיין לאַנד, כ'וויל מיין הויז, כ'וויל מיין היים — — — —

הערט זיך ווי א בת קול רופט:

קול ברמה נשמע
נחי בכי תמרורים
רחל מבכה על בניה.
מנעי קולך מבכי, ועיניך מדמעה
כי יש תקוה לאחריתך
ושבו בנים לגבולם — — — —

ז.

און אין חורבן־טאָג, תשעה באב ביינאכט, צו קנות, ווען אידן זיינען אין די שולן פאַרזאַמלט, אויף דער ערד אויסגעזעצט און א חושך שוועבט איבער אלעם ארום, און דער ראש העדה, דעם קאָפּ

דאָס ליד פון אויסלייזונג

איבער א קינה געבויגן, זיפצט שטיל און קלאָגט: איכה ישבה בדד...
— געפינט די שכינה מער קיין רו נישט, הויבט זי זיך פון איר אָרט, לויפט איבער די היכלות פון די אבות, און פרעגט זיי וועגן קץ הנחמות, שאָקלען זיי מיט די קעפּ, גייט זי צוריק אין איר היכל אריין, און קלאָגט און וויינט.

הערט גאָט איר געוויין, קאָן ער עס נישט פאַרטראָגן, און שיקט צו איר זיין שליח.

טרייסט ער זי און רעדט צו איר:

— רחל, זע, פון דיין פיל וויינען און קלאָגן זיינען שוין צוויי טייכן אָנגערונען. אָבער עס קומט די שעה די גרויסע, גאָט ברוך הוא וועט זיין פאָלק דערלייזן, און דיינע קינדער וועלן זיך אין די טייכן טובל זיין, איין טייך איז מוכן פאר צדיקים גמורים, און דער צווייטער — פאר בעלי־תשובה. און אין דעם גרויסן טאָג פון דער גאולה, וועסטו דיך אין ווייסן אָנקליידן, וועסט קריגן צוריק דאָס ליכט פון דיינע אויגן, און וועסט אנטקעגן גיין דיינע קינדער. דו וועסט זיי פאַלן אויפן האַלז און זיך פרייען מיט זיי, און צוריק וועסטו ווערן צו זיי א מאַמע פונקט ווי אמאָל אין דיין בליענדער יוגנט.

און ארויסגיין וועסטו מיט דיינע פריילינס איבער דער וועלט צו זאַמלען די נדחי ישראל פון אלע ווינקעלאך, פון אלע לענדער און זיי ברייגגען קיין ציון.

צבי כהן

און ווען די גאַנצע ארבעט וועט זיין געענדיגט, וועט גאָט בענשן דיך און דאָס גאַנצע לאַנד און דערנאָך וועסטו דיך אָנקליידן אין מלכות־קליידער מיט גאָלד און בריליאַנטן באפוצט און זעצן וועסטו זיך אויפן באַרג ציון, און טריפן וועט דיין לערע צו אַלע לענדער פון דער וועלט, און קומען וועלן זיי פון אומעטום צו הערן גאָטס וואָרט, און ישראל וועט זיין די קרוין פון אַלע פעלקער.

טוען דער מאַמען די רייד נישט באַרואיגן, און זי פרעגט דעם שליח פון גאָט:

— און ווען וועט דאָס זיין? ווען וועט מען מיינע קינדער אויס־לייזן?

און דער מלאך פון גאָט ענטפערט איר:

— ווען זיי וועלן ווערט זיין!

ווערט די מאַמע נאָך מער אומרואיג און שרייט און וויינט:

— באליידיג מיינע קינדער נישט! זיי זיינען שוין ווערט! זיי זיינען ווערט! מען דאַרף מער נישט וואַרטן! איך וויל, אַז משיח זאָל נאָך היינט קומען!

לאָזט דער מלאך פון גאָט אראָפּ זיין קאָפּ אין טיפן טרויער, הילט זיך די מאַמע איין אין איר שטערן־שלייער און רופט צו אירע מיידלאך־באגלייטערינס:

— קומט מיט מיר!

דאָס ליד פון אויסלייזונג

גייען זיי ביזן היכל פון משיח. אָבער ווען זיי קומען אהין, זעען זיי, ווי ער ליגט אין קייטן געבונדן, רופט די מאַמע אויס:

— משיח בן דוד, ווען וועסטו קומען אויסלייזן די אידן?

און משיח ענטפערט איר:

— מאַמע, עס בענקט און ציט דערצו מיין נשמה! עס שטורמען צו יענעם מאָמענט אַלע מיינע בלוטן, אָבער זע איך ליג דאָ אין קייטן געבונדן! מאַמע, באַפריי מיך פריער, וועל איך דערנאָך דיינע קינדער באַפרייען, און דורך זיי די גאַנצע וועלט!... מאַמע, משיח אליין דאַרף אַ משיח!...

צווייטער טייל

די ליידן פון משיח

אמר ר׳ הלל:

אין להם משיח לישראל.

(סנהדרין).

א.

פערציג יאָר פאַרן חורבן פון בית המקדש, האָט דאָס מערב ליכט פון דער מנורה נישט מער לענגער געברענט; די וואל־צונג אַרום דעם עזאזל־באָק אין יום הכפורים, איז נישט מער ווי פריער ווייס געוואָרן; דאָס פייער פון מזבח האָט זיך נישט מער געשטאַרקט פון זיך אַליין. און יעדן פרימאָרגן האָבן די טויערן פון בית המקדש זיך אַליין געעפנט, ביז עס האָט אויף זיי אָנגעשריען ר׳ יוחנן בן זכאי, און צו זיי געזאָגט:

היכל, היכל, וואָס שרעקסטו אונז?
וואָס רופסטו דעם פיינט אין דיינע טויערן?
איך ווייס, כ׳ווייס, אַז דו וועסט חרוב ווערן,
איך ווייס. אַז פול איז די מאָס פון זינד!

און גאָט־ברוך־הוא פון אומרו־צער אויפן חורבן פון זיין הויז, און אויף דער צעשפרייטונג פון זיינע קינדער, האָט זיך אין אַ שוואַרצן נעפל־מאַנטל געהילט, איז טונקל געוואָרן. די הערלאַכע שיין פון דער געטלאַכקייט און אַ שווערער שאָטן־שוואַרצקייט איז אויף דער בלענד־

דאָס ליד פון אויסלייזונג

ווייסקייט פון אבן שיש טהור געפּאַלן, האָט זיך אַ נאָגנדער אומעט אויף דער מרכבה־וועלט אַראָפּגעלאָזט, זיינען פאַרציטערט געוואָרן די כרובים און צעשראָקענע האָבן די מלאכים מיט זייערע פאָדערשטע פליגל זייערע פּנים׳ער פאַרשטעלט.

און אדני אלהים צבאות, געזונקען אין זיין צער, איז אויף זיין כסא־הכבוד געזעסן ווי אַ זקן פול מיט יאוש. אָבער באַלד האָט ער גענומען שרייען ווי אַ לייב:

— ווי צו די קינדער, וואָס ווערן פאַרטריבן פון פאָטערס טיש; ווי צום פאָטער, וואָס פאַרטרייבט זיינע קינדער! דען איך האָב געשוואוירן און איך וועל עס טאָן. איך וועל זייער הויז צעשטערן און זיי אין גלות אַריין טרייבן!... אָבער ווי איז מיר! ווי איז מיר! ווער וועט איצט מיין נאָמען דערמאָנען? ווער וועט די מענטשן רופן אין נאָמען פון גאָט, וואָס לעבט אייביג?!

זיבן טעג און זיבן נעכט האָט גאָט אַזוי געשריען, און אַלץ אין הימל איז פאַרגליווערט געוואָרן און זיך פון אָרט נישט גערירט. די מלאכים האָבן זייער שירה נישט געזונגען און אַ שרעקלאַכע שטילקייט האָט אַלץ איינגעהילט.

און נאָך די זיבן טעג האָט גאָט־ברוך־הוא מער נישט געשריען, נאָר געברומט האָט ער ווי אַ טויב, טאָג און נאַכט, נאַכט און טאָג:

— ווי צו די קינדער, וואָס ווערן פאַרטריבן פון פאָטערס טיש; ווי צום פאָטער, וואָס פאַרטרייבט זיינע קינדער!

צבי כהן

נאָר איינמאָל אין דער פרי האָט זיך פלוצים געהערט די שטימע פון גאָט־ברוך־הוא, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער אַלע הימלען:

— קומט אַלע שאַפן!... נייע מעשי בראשית קומען אָן!...

האָט זיך געטראָגן גאָטס קול איבער אַלע הימלען, און אַלע מלאכים, אַלע שרפים, אַלע אופנים און כרובים האָבן אָפגעענטפערט מיט איין קול:

— נייע מעשי בראשית קומען אָן!

און צו מטטרון, דער מלאך, וואָס איז הויך פינף הונדערט איילן און שטייט שטענדיג פאַר גאָט, האָט גאָט־ברוך־הוא געזאָגט:

— וואָס איז דער מענטש שולדיג? איך האָב דאָך פאַרפעלט אין זיין שאַפן, איך האָב נישט געוואָלט אַז ער זאָל זיין אַזוי ווי גאָט, און האָב אים געמינערט!... לאָמיר איצט שאַפן איינעם, אַזוי ווי עס איז אויפגעגאַנגען אין מיין געדאַנק פריער!... אַ דערלייזער וועט ער זיין! ער וועט אויסלייזן מיינע קינדער און דורך זיי די גאַנצע וועלט!... קומט אַלע באַטייליגט זיך אין מיין אַרבעט!

— אָבער וואָס זאָל מען טאָן? — האָט מטטרון כביכול געפרעגט.

— ברענגט צו מיר פון אַלעם שענסטן, פון אַלעם בעסטן, פון אַלעם גרעסטן און פון אַלעם הערלאַכסטן, פון דעם טייערסטן, און פון ליבסטן, נעמט פון מיינע אוצרות דאָס אידלסטע און דאָס צאַרט־סטע, דאָס העכסטע און דאָס טיפסטע! וואָס נאָר גוטס איז פאַראַן!

דאָס ליד פון אויסלייזונג

איז דער שטן געקומען פאַר גאָט, און האָט זיך פאַרבויגן פאַר אים און געזאָגט:

— גאָט־ברוך־הוא, קען איך אויך עפּעס טאָן פאַר דיין נייער שאַפונג?

אָבער גאָט האָט אים געענטפערט מיט שטורעם:

— ניין! ריר דיך נישט צו צו מיין שאַפונג! עס איז אַ שאַפונג פון לויטער קדושה! קיין שאָטן פון טומאה זאָל דערויף נישט פאַלן! גיי אַריין אין דיינע וועלטן און ווייז נישט דאָס פנים פאַר מיר, אַזוי לאַנג ווי איך וועל דיך נישט רופן.

האָט דער שטן זיך צעוויינט:

— גאָט, פאַרוואָס פאַרשעמסטו מיך?

און גאָט־ברוך־הוא האָט געענטפערט:

— עס וועט קומען דיין טאָג אויך. איך וועל דיך רופן צו אַרבעט, אָבער נישט איצט. פאַרשווינד פון מיינע אויגן!

און דער שטן איז גיך אַוועק און זיך באַהאַלטן אין זיינע פינסטערע וועלטן.

און אָנגעהויבן האָט זיך די אַרבעט אין אַלע הימלען, אין אַלע וועלטן.

האָט מטטרון געפרעגט גאָט־ברוך־הוא:

— גאָט, ווי וועט הייסן דיין נייע שאַפונג?

צבי כהן

און כביכול האָט געענטפערט:
— מ—ש—י—ח!
און אָפּגעהילכט האָט אין אַלע הימלען דער רוף פון פרייד פון שאַפן:
— מ—ש—י—ח! מ—ש—י—ח!

* * *

אין הימל רוט ניט. אַלץ איז געוואָרן אַ שותף צו גאָט, אַלץ נעמט אנטייל אין זיין לעצט שאַפן. אַ משיח דאַרף געבוירן ווערן צו זיין פאָלק ישראל, און אַלץ נעמט אנטייל אין שאַפן דעם משיח. טאָג און נאַכט שטייען מלאכים און וועבן פעדים פון זייערע נשמות און טראָגן עס צום כסא הכבוד. עס ברענגען די כרובים זייערע פליגלען, די שרפים זייערע פייער־הערצער.

פלוצים טראָגט זיך אַ קול איבער אַלע הימלען:
— ליכט!

און עס שטראָמען פון אַלע זייטן זונען, שטערן, לבנות, וועלטן, אייביגקייטן, די גרויסע ליכט, „די באַהאַלטענע ליכט" און געבן אָפּ פון זיך פאַר משיח'ן דאָס שענסטע, דאָס ליכטיגסטע, דאָס בעסטע, און עס טיילן זיך אויס וועלטן פון וועלטן, זונען פון זונען, שטערן פון שטערן, ליכט פון ליכט, אייביגקייטן פון אייביגקייטן, און דאָס אַלץ פאַלט צוזאַמען אין איין גרויסער שיכט־קופּע פאַרן כסא הכבוד.

דאָס ליד פון אויסלייזונג

און גאָט אַליין איז דער מייסטער, גאָט אַליין שאַפט אים, און גאָט נעמט איצט אַפּויר פון דער ליכט, וואָס ליגט באַהאַלטן אונטערן כסא הכבוד, און גיט עס פאַר משיח׳ן.

און ווידער רופט דאָס קול:

— בשמים!

און עס ציִען זיך און עס שטראָמען פאַרשיידענע בשמים־טייכן פאַרן כסא הכבוד. יעדער טייך און זיין פאַרב, יעדער טייך און זיין ריח. אָט איז דער ערשטער טייך, דער רויזן טייך, דו קוקסט אין זיין שפּיגל און דו זעסט נאָר רויזן, רויזן און רויזן. סיוך־רויזן און די בעכער שוין אָפן, און אָט איז דער נאַרציס־טייך, דער יאַסמין־טייך, און פיל, פיל אַנדערע. און באַלד נאָך זיי קומען די גן־עדן גערטנער, די בשמים־בוימער, בשמים־פעלדער, בשמים־וועלדער... אַלץ איז איצט צום שעפער געקומען, אים פון זיין בעסטן חלק פאַר זיין נייעסטער שאַפונג געבן.

— טוי!

מלאכים לויפן, מלאכים יאָגן. יעדער מלאך אין זיין שליחות, יעדער מלאך און זיין טוי, טוי פון מאָרגן, טוי פון אָוונט, טוי פון לעבן, טוי פון טויט, טוי פון שבת, טוי פון תחית המתים... מלאכים לויפן, מלאכים יאָגן...

— נשמות!

און יונגע מלאכים׳לאָך טראָגן אויף זייערע הענטלאָך צום כסא

צבי כהן

הכבוד נשמות פון צדיקים, נשמות פון בעלי תשובה... נשמות פון די וואָס זיינען געהרג׳עט געוואָרען אויף קדוש השם... נשמות פון ל״ו צדיקים... נשמות פון קינדער... נשמות... — — — —

* * *

...און ירושלים איז אין טרויער געהילט. עס טרויערן די מענטשן, עס טרויערט די שטאָט, אין טרויער געהילט איז אויך גאָטס הויז. צי איז דאָס די רוישנדע ירושלים ?—ליידיג, אָפּגעקערט זיינען די גאַסן. עס טרויערט יעדער באַזונדער אין זיין ווינקל, און בעט צו גאָט... און גייט ווער אין גאַס אַריין, און באַגעגנט אימיצן, באַגריסט ער אים ניט.ביידע גנב׳ענען זיך פאַרשעמט פאַרביי, און פאַרשטעלן דערביי זייערע פּנימ׳ער...

דער שונא נעמט איין די שטאָט. ער געווינט איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער. ער האָט שוין די ערשטע מויער איינגענומען. איצט צעפלאַקערט זיך דער קאַמף אַרום דער צווייטער מויער, די אינערלעכע מויער...

און די אידישע העלדן, ווי אין כעס־געטריבענע לייבן, וואַרפן זיי זיך אויפן שונא, און רעגענען אויף אים פייער, שוועבל און פעך. וואָס איז פאַר זיי עסן און טרינקען, צי שלאָפן ? זייער פאָלק מוזן זיי איצט ראַטעווען ! דער שונא וועט דאָס לאַנד ניט באַטרעטן ! זיי האָבן ניט מורא פאַר דעם שונא, מיט זיין גרויסן חיל, מיט זיינע אייזערנע

דאָס ליד פון אויסלייזונג

שטיערס! זיי וועלן אים מיט זייער באַגייסטערונג פאַר זייער לאַנד צערייסן, מיט דעם גלויבן אין זייערע הערצער פאַרניכטן...

און מרתא, די פרוי פון שמעון בן גיורא, איינער פון די הויפּט־העלדן ביי דער מויער, וועלכע האָט איר הויז ניט ווייט פון ירושלים, טראַכט, וואָס זי קען טאָן פאַר איר מאַן און פאַר איר פאָלק. ער, דער פאָלקס־העלד, האָט שוין זעקס טעג נישט געגעסן, זעקס טעג האָט ער שוין אין זיין מויל גאָרנישט געהאַט. ווי קען ער דען די מלחמה פירן? פאַרשוואַכט, מיד, ווי אַזוי קען ער אַנדערע מוט געבן? און זי באַשליסט צו אים צו איילן, אים צו ראַטעווען.

אָבער מיט וואָס? זי האָט שוין גאָרנישט אין שטוב. די גרויפּן האָבן זיך שוין לאַנג אויסגעלאָזט, און קיין מעל איז אויך נישטאָ. וואָס קען זי אים ברענגען? וואָס האָט זי פאַר אים? — —

און זי גייט צו צום וויגעלע פון איר איין־איינציג בלאָס אינגעלע. זי קוקט עס פאַרקלערט אָן. דאָס קינד שלאָפט, אויף זיין קליינעם קערפּער באַמערקט זיך דאָס שווערע אָטעמען. עס חלומ׳ט איצט געוויס אַ שלעכטן חלום...

זי טרעט אָפּ פון וויגעלע. אַן אַלטער געדאַנק מוטשעט זי: טויטן דאָס קינד פאַרן פאָלק...

זי וויל זיין שטאַרק די מינוט, און קלערט ניט לאַנג. זי כאַפּט דאָס גרויסע מעסער, אָט איז שוין דער שלייף־שטיין. עס לויפט דאָס

צבי כהן

מעסער אײליג איבערן שטײן אַהין און צוריק... דאָס מעסער בליצט... זי גײט צו צום װיגעלע אונטערװײלאַך, אַ רגע שטעלט זי זיך אָפּ. איר װילט זיך דאָס קינד דעם לעצטן קוש געבן, אָבער זי באַקעמפּט זיך אַלײן, זי האָט מורא, אַז זי װעט זיך דאַן נישט קענען דערפון אָפּרײסן...

שטאַרק און שטאָלץ שטײט זי אונטערװײלאַך בײם װיגעלע. דאָס מעסער לױפט אין װײכן... און אַ קרעכץ מיט אַ הײליג נשמה׳לע זײנען אַרױס דורכן אָפּענעם פענסטער...

די מלאכים, װעלכע זײנען אַראָפּגעשיקט געװאָרן אױף דער ערד דאָס הײליגסטע פאַר משיח׳ן צו ברענגען, זײנען באַלד צוגעלאָפן צום פענסטער. אײנער האָט דעם קרעכץ גענומען, דער צװײטער — דאָס נשמה׳לע, און דער דריטער — דאָס מעסער און האָט עס פאַר גאָט געבראַכט...

* * *

אײנע פון ציון׳ס טעכטער שטײגט אױף אױפן באַרג ציון, אין אַ שװאַרצן טרױער־שלײער איז פאַרהילט איר געזיכט, נאָר דורכן שלײער גנב׳ענען זיך דורך די שטראַלן פון אַ זון־פּנים, געמאָסטן זײנען אירע טריט, די טריט פון ציון׳ס אַ טאָכטער, און אין אירע הענט טראָגט זי אַ טעפּל, אַ יאַכיל פאַר איר מאַן, װעלכער קעמפּט אױף דער מױער...

און דאָס יאַכיל — אַ טײער מאכל איז עס. אַ יאַכיל פון צערט־לאַכע קושן. קושן, צערטלאַכע מוטער־קושן האָט זי פאַר אים אָפּגע־

דאָס ליד פון אויסלייזונג

קאָכט, אַ חן־בעקעלע פון איר אייגן קינד... נאָר צי איז די פרוי נישט מרתא ?...

די זון איז שוין אויפגעגאַנגען. מרתא שטייגט אויפן באַרג. זי האָט זיך דערמאָנט אָן איר מאַן און איר פאַלק, און זי איילט אירע טריט, און אירע אויגן הויבט זי אויף צום הימל מיט אַ געבעט...

נאָר וואָס איז עס פאַר אַ דערשיינונג ? — די זון, דוכט זיך, איז גרעסער געוואָרן. ניין, דאָס מוז איר נאָר אַזוי אויסדוכטן. זי איז, ווייזט אויס, שטאַרק אויפגערעגט, אָבער דאָך... די זון איז שוין ווידעראַמאָל גרעסער געוואָרן... אָט ווערט זי נאָך גרעסער, נאָך גרעסער... נאָך... און נאָך... וואָס טוט זיך דאָ מיט איר ? צי חלומ׳ט זיך איר עפּעס ? צי איז זי וואַך ?... אָבער זי שלאָפט דאָך נישט !... און די זון ? — זי האָט שוין דעם גאַנצן הימל פאַרדעקט, זי האָט זיך איבערן גאַנצן הימל צעגאָסן... ווי ליכטיג עס איז... זי האַלט די אויגן צו, און עס איז זיבן מאָל ליכטיגער ווי אין אַנדערע טעג... און אָט קוקט אויף איר די זון־הימל — דער הימל־זון... נאָר אָט פילט זי זיך אַביסל פרייער, זי ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס ?... עפּעס איז איר אַזוי גוט אויפן האַרצן... זי וואָלט געוואָלט די גאַנצע וועלט אַרומכאַפּן און קושן... און זי שמייכלט... מיט אַ שמייכל ענטפערט איר אָפּ די זון־הימל... עס שמייכלט דער באַרג מיט זיין געפּרענזלטן גין־גאָלד האַלז־באַנד ; עס שמייכלט אויך דאָס־קושן־יאַכיל, און עס דוכט זיך איר ווי אַלץ וואָלט זיך דאָ פאַראייניגט : זון, הימל, באַרג,

צבי כהן

ערד, די טאָכטער ציונ׳ס, אין אַ יאַכיל פון צערטלאַכע קושן — צו זינגען אָן ווערטער אַ שמייכל־ליד, איין האַרמאָניע ליד צו גאָט...

נאָר — אָט האָט זיך עפּעס אין הימל באַוויזן אַ געשטאַלט... ווער ווינקט דאָס צו איר? — גאָט! צי איז דאָס ווירקלאַך?... איר קינד שטייט אינם זון־ראַד, און גריסט צו איר, און פינטלט צו איר מיט זיינע אייגעלאַך: — מאַמע! מאַמע! איר קינד, איר עמינדב׳ל... וואָס פאַר אַ ליבלאַכע קושן עס שיקט איר!... זי קען זיך מער נישט איינ־האַלטן!... זי קושט די לופט, און שיקט זי צו איר נשמה׳לע... אָט האָט זי זיך מיט זיינע בליקן געטראָפן... ווי עס שמייכלט!... עס איז געקומען צו דער נאַטור־האַרמאָניע, זיך מיט אַלעם צו פאַראייניגן... ווי עס שמייכלט!... און אַזאַ קינד האָט זי אומגעבראַכט?... זי, די מאַמע... זי קען שוין מער נישט!... דאָס טעפּל פאַלט איר פון דער האַנט!... זי פאַלט דערנעבן, און זי ברעכט אויס אין אַ שטורעם־געוויין, נאָר באַלד ווערט זי אַנטשלאָפן.

און איר חלומט זיך אַ חלום: דריי מלאכים שטייען אַרום איר, און זיי זאָגן צו איר:

— דו זאָלסט דיך ניט וואונדערן, ציונ׳ס טאָכטער, אויב דו וועסט אין דיין טעפּל קיין פליישׁ ניט געפינען. אויך דער גוף פון דיין כשר קינד, איז הייליג פאַר משיח. מיר האָבן אויך דאָס איבעריגע פלייש פון דיין הויז פאַרברויכט... אויך דיך האָבן מיר געוואָלט פאַר־ברויכן — נאָר דו מוזט גיין אין גלות אַריין — — — — — — — — —

דאָס ליד פון אויסלייזונג

* * *

...און אַז עס האָט זיך געענדיגט די אַרבעט, האָט גאָט אַפּירגע־נומען דאָס לאָגל פון די אידישע טרערן, און עס געגעבן משיח'ן אויסצוטרינקען — און עס איז געוואָרן אין אים צו בלוט...

* * *

אין דער שעה ווען דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן איז משיח געבוירן געוואָרן...

ב.

אין היכל פון די אבות איז טריב און טרויעריג. עס זיצן אויף דר'ערד די אבות דעם קאָפּ אויף דער ברוסט געבויגן, און זיפצן, און אַלע ווילע שניידט זיך דורך אין דער לופט דאָס געשריי פול מיט טרערן:

— אבות, וואָס שוויגט איר? מען שלאָגט, מען פּלאָגט אונזערע קינדער!

פלוצים שטייט אויף ווי אַ לייב יעקב, דער טאַטע אונזערער, און שרייט אויס:

— לאָמיר גיין צו גאָט! לאָמיר אים בעטן, אַז ער זאָל שיקן זיין משיח צו אונזערע קינדער.

הויבן די אבות זייערע קעפּ אויף, און אַלע אויגן זיינען צו

צבי כהן

משה׳ן געווענדט, ווי זיי וואָלטן צו אים געזאָגט: גיי דו פאַר אונז, משה!

שטייט אויף משה, און ברעכט זיך די הענט:

— ווייי איז אונז!... מיר האָבן ניט נאָך וואָס צו גיין! גאָט האָט שוין אין זיין פאָלק ישראל פאַרגעסן! דאָס אָרט האָט פאַרנומען משיח!... לאָמיר זיך רייסן די קליידער... אַ נייער חורבן איז געשען...

* * *

אין היכל פון משיח.

דאָס איז דער לעצטער היכל פון גן עדן, געבויט אינגאַנצן פון ציגל־בריליאַנטן, צוויי זונען — צוויי פענסטער; דער סופיט — אַ ליכט־זייל; די פאָדלאָגע — פון קאַלט פייער, און דער פאָרהאַנג פאַר דער טיר — פונם פייער פונם כסא הכבוד.

און דער היכל איז ליידיג, נאָר צוויי שטולן שטייען אין אים.

און גאָט אין אַ ליכט־וואָלקן געהילט זיצט אויף איין שטול, און משיח נעבן אים אויפן צווייטן.

און עס שפילט זיך גאָט מיט אים, קרייזלט אים זיינע האָר, גלעט אים זיינע קין־באַקן, און קלייבט נחת פון זיין לעצטער שאַפונג...

און גאָט מאַכט רוען זיין גייסט אויף אים, טוט אים אָן זיין ליכט־מאַנטל, און לערנט מיט אים סתרי תורה.

און יעדעס מאָל, איידער די געטלאַכקייט טוט זיך אָפּ, גיט אים גאָט־ברוך־הוא צו טרינקען פון דעם בעכער פון אידישע טרערן,

דאָס ליד פון אויסלייזונג

וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין פאַרלויף פון נעכטיגן טאָג, טרינקט עס משיח אויס און עס ווערט אַ פייער אין זיינע ביינער, שטורעמט ער און ברומט, און פון זיינע אויגן רינען בלוט־טרערן, און ער בעט זיך ביי גאָט:

— פאָטער, שיק מיך דיין פאָלק ישראל אויסלייזן!
נאָר גאָט־ברוך־הוא ענטפערט אים:
— זיי רואיג, מיין קינד, נאָך איז די שעה נישט געקומען!

און ווען עס איז אַן עת צרה ביי אידן, ווען אַ שלעכטער מושל שטייט אויף און פייניגט זיי; אָדער ווען אַצורר ישראל וויל זיי פאַרניכטן, און שיקט אַרויס זיינע באַנדעס אָנצופאַלן אויף זיי, און אידישע טרערן פליסן ווי טייכן איבער דער וועלט, ווערט דער בעכער פול יעדע מינוט. האָט משיח דעמאָלט קיין רו אין זיין היכל נישט, און ער קומט צו גאָטס כסא הכבוד, טרינקט יעדע ווילע פון בעכער טרערן, שטורעמט און שרייט:

— איך מוז!... איך גיי!... איך וועל!... איך גיי אויסלייזן דאָס אידישע פאָלק!... שיק מיך גאָט!... זאָג צו מיר: גיי!

און ווי אַלעמאָל ענטפערט אים גאָט־ברוך־הוא:

— זיי רואיג, מיין קינד, די צייט איז נאָך ניט געקומען... זיי מוזן נאָך וואַרטן.

ווערט משיח בייז און שרייט צו גאָט:

צבי כהן

— איך וועל גיין געגן דיין ווילן, גאָט! איך קען מער זייער צער ניט צוזען! עס מוז אַ סוף נעמען!...

דעמאָלט באַפעלט גאָט זיינע שליחים און זיי בינדן משיח'ן אין אייזערנע קייטן, פירן זיי אים צוריק אין זיין היכל, און פאַרשטאַרקן די אייזערנע גראַטעס אַרום.

אָבער משיח רייסט די קייטן טאָג פאַר טאָג, און יעדעס מאָל מוזן די שליחים פון גאָט אים בינדן אין נייע קייטן, און ער שרייט און ער שטורעמט אָן אויפהער:

— איך גיי!... איך מוז!... זיי רופן מיך די ליידנדע! די הייליגע!... איך גיי צו זיי. איך קום! איך קום! איך קום!...

* * *

צווישן אידן איז אַ התעוררות, עס וואַקסט די האָפענונג אויף דער גאולה. באַווייזן זיך פאַלשע משיחים, לויפן אַרום פאַרפירערישע פאַר־זאָרגער; זיצן אידן און רעכענען שמות און גמטריות; זעט מען באַ־שיינפערלאַך, אַז משיח דאַרף קומען. פאָרן אַרום מגידים און זאָגן אָן, אַז די גאולה איז נאָענט! וועקן די רבנים דעם עולם צו תשובה; ווערט די דערוואַרטונג גרעסער, די התלהבות שטאַרקער; הערט מען שרייען פון אַלע דעכער: משיח גייט! משיח קומט!

און ר' אשר, אַ איד אַ צדיק תמים, וואָס האָט אָן אויוון צו באַקן מצות, ווערט אַזוי באַגייסטערט, אַז ער שרייט צו זיינע קינדער:

דאָס ליד פון אויסלייזונג

— קומט אַהער, צעברעכט דעם אויוון, צערייסט אים ביזן גרונט, משיח קומט! מצות וועלן מיר שוין באַקן אין ירושלים! משיח קומט, ער קומט נאָך פאַר פסח, ער קומט אַ ליאַדע מינוט! זייט גרייט! פּאַקט זיך די פּעקלאַך! גיט׳ס מיר מיין שבת׳דיגן בגד! לאָמיר אַלע זיין גרייט משיח׳ן מקבל פּנים צו זיין! ער גייט! ער קומט! ער איז באַלד דאָ!

און אַן אַנדער צדיק תמים, ר׳ משה, וואָס איז געזעסן אַ גאַנצן לעבן און אַרויסגעקוקט דורכן לופטשיקל פונם פענסטער, צו זען צי משיח קומט שוין, ווען ער האָט זיך אַביסל צוגעלייגט שלאָפן, האָט ער צו זיינע קינדער געזאָגט:

— קינדער, די מצוה פון כבוד אב איז טאַקע זייער גרויס; אָבער אויב משיח קומט, וועקט מיך אויף! איר זאָלט קיין איין מינוט אים נישט לאָזן וואַרטן!

ג.

עס האָט געבלאָזן פּלוצים איבער דער וועלט אַ ניי ווינטל; עס זיינען די רוצחים מיד געוואָרן פון בלוט־פאַרגיסן, און האָבן זיך אַביסל אָפּגערוט.

האָבן די אידן געמיינט, אַז מען לאָזט זיי שוין צורו, אַז די פעל־קער האָבן שוין אויפגעגעבן זייער האָס צו זיי, אַז פון איצט אָן וועט שוין ישראל זיין ווי אַלע פעלקער, מענטשן צווישן מענטשן, בירגער

צבי כהן

צווישן בירגער, און די אוצרות און מעגלאַכקייטן פון די לענדער, אין וועלכע זיי וואוינען, וועלן זיין אָפן פאַר זיי ווי פאַר יעדן איינעם.

און ווען די געטאָ־מויערן, וואו מען האָט אידן אָפּגעזונדערט געהאַלטן ווי קרעציגע, זיינען געפאַלן, און זיי זיינען אַרויס פון די שמאָטע־געסלאַך אין די ברייטע גאַסן, האָבן זיי זייער געטאָ־טראַכט אויסגעטאָן, און זיך געקליידט ווי די בירגער פון לאַנד, און האָבן געהאָפט, אַז פון איצט אָן וועט ווי אַלע פעלקער זיין דאָס בית ישראל.

האָבן אַ טייל געמיינט, אַז וואָס מער זיי וועלן זיך צו די גוים גלייכן, אַלץ מער וועלן זיי זיי געפעלן, האָבן זיי זייער אייגענע שפּראַך פאַרנאַכלעסיגט, און די שפּראַך פון די גוים געלערנט; גאָטס תורה פאַרלאָזן, און אין זייערע ווערק זיך פאַרטיפט; האָבן זיי גרויסע מאָנומענטן פאַר די פעלקער, אין וועלכע זיי וואוינען, געשאַפן, מאָנו־מענטן פון גייסט, וואָס יענע פעלקער האָבן צו זייער כבוד צוגעשריבן. איז די לערע פון גאָט פאַרלאָזן, פאַר׳יתום׳ט, און קיינער האָט זיך וועגן איר נישט געקימערט.

און ווען די רדיפות זיינען געוואָרן קלענער, די פאַרפאָלגונגען האָבן נאָכגעלאָזט, און אידישע טרערן ווייניגער, איז דאָס לאָגל פאַרן כסא הכבוד נישט אַזוי אָפט ווי פריער אָנגעפילט געוואָרן.

איז געקומען גאָט אין היכל פון משיח און האָט זיך מיט אים געשפּילט, אים געגלעט איבער זיין קאָפּ, און געקרייזלט זיינע האָר. האָט משיח געפרעגט, פאַרוואָס ער גיט אים מער נישט פונם לאָגל

דאָס ליד פון אויסלייזונג

פון אידישע טרערן צו טרינקען ווי פריער? און גאָט־ברוך־הוא האָט אים געענטפערט:

— דאָס פאָלק ישראל ליידט איצט נישט אזוי פיל ווי פריער, דען די מערדער זיינען מיד געוואָרן און רוען זיך אָפּ. אָבער זיי מיינען די אידן, אַז די רוצחים האָבן אין זיי שוין פאַרגעסן, אַז די אייביגע שנאה צו זיי האָט אויפגעהערט, האָבן זיי שוין מיין תורה פאַרוואָרפן און ווי אַלע גוים ווילן זיי זיין! זיי ווילן נישט מער קיין דערלייזער, זיי בענקען נישט מער נאָך דער גאולה.

איז משיח געוואָרן אומרואיג, און זיך געבעטן ביי גאָט:

— פאָטער, אויב עס איז אַזוי געשען, שיק מיך גיך צו זיי. זאָל איך זיי אויסלייזן איידער זיי זינקען גאָר, איידער זיי וועלן אינגאַנצן פאַרגעסן אין מקור פון זייערע אבות, איידער זיי וועלן דיין נאָמען אינגאַנצן צו רופן אויפהערן.

און גאָט־ברוך־הוא ענטפערט אים:

מיין קינד, דו טאָרסט נישט קומען איצט צו זיי! זיי וועלן דיך נישט פאַרשטיין! זיי דאַרפן איצט קיין משיח נישט! זיי מיינען, אַז עס וועט שוין אַזוי אייביג זיין! וואַרט, מיין קינד, די צייט איז נאָך נישט געקומען!

און גאָט נעמט משיחן אויף זיין שויס, און גלעט אים איבער זיין קאָפּ, און קרייזלט אים זיינע האָר, און זאָגט צו אים:

צבי כהן

— דו ביסט דאָס בעסטע פון מיין שאַפונג, די קרוין פון מיין יצירה! דו ביסט מיין טרייסט!

ד.

שוין עטלאַכע טעג ווי די מוטער רחל שטורעמט, זי איז אומ־געהויער אומרואיג. עס איז דער גורל פון אירע קינדער, וואָס לאָזט איר נישט רוען. עס האָט זיך די מידע מערדער־האַנט שוין אויסגע־רוט און צוריק צו דער האַק גענומען, און זי פאַלט כסדר איבער אידישע קעפּ.

לויפט רחל איבער די היכלות פון די אבות און שרייט:

— אַ שחיטה־טאָג איז היינט אויף אונזערע קינדער!

שטייען די אבות קעגנאיבער איר פאַרצווייפלט, אָבער רחל שרייט פאַרביטערט:

— כ׳ווייס וואָס עס איז אין אייער מחשבה, אָבער איך וויל נישט, אַז איר זאָלט עס מיר זאָגן. קומט מיט מיר צו גאָט־ברוך־הוא, לאָמיר אַלע גיין!

גייען אַלע אבות פון רחל׳ען געפירט צום כסא הכבוד.

און רחל הויבט אויף איר קול אין אַ געוויין:

— גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, צי האָסטו אין דיינע קינדער שוין פאַרגעסן?

און גאָט־ברוך־הוא ענטפערט איר:

דאָס ליד פון אויסלייזונג

— ער קען נישט און וועט נישט פאַרגעסן דער וואָס לעבט אייביג אין זיינע קינדער, אין דעם פאָלק ישראל.

און רחל שרייט אויס פאַרביטערט:

— אָבער גאָט, אַ שחיטה־טאָג איז היינט אויף דיינע קינדער! זע די מעוברת׳דיגע פרוי, וואָס די מערדער האָבן איר בויך אויפגע־שניטן,, דאָס קינד אַרויסגעריסן און דאָרט אַ קאַץ אַריינגעלייגט!... זע דאָס קליינע אינגעלע, וואָס די מערדער האָבן זיין קעפּל אין דער וואַנט געשלאָגן ביז דער מאַרך האָט אַרויסגערינען! איז דאָס דיין ליבע צו דיין פאָלק ישראל?

— לאָזט אַראָפּ גאָט־ברוך־הוא זיינע אויגן און ענטפערט איר:

— וואָס ווילסטו, רחל?

— איך וויל נאָר איין זאַך, גאָט, פרעגן וויל איך דיך: דו האָסט דאָך דיין וועלט געשטעלט אויף גערעכטיגקייט און משפּט. פאַרוואָס וואַנדערט אַרום דאָס גרייז־גרויע פאָלק, דער לערער פון אַלע פעלקער מיט דיין תורה אין דער האַנט, און זוכט זיך אַ רו־אָרט און געפינט נישט? פאַרוואָס שלאָגט מען דעם אייביקן לערער, וואָס פון זיין תורה האָבן אַלע גענאָסן, און פון איר די מאָראַל פון דער וועלט געבויט? פאַרוואָס האָסטו פאַרגעסן אין דיין פאָלק ישראל, וואָס האָט דער ערשטער דיין נאָמען אויף דער וועלט אויסגערופן, פאַרוואָס, גאָט?

צבי כהן

און גאָטס שטימע ענפטערט איר ווייך:

— זיי געטרייסט, רחל, עס הערן אויף די פּיין, און צו דיליידן נעמט אַ סוף! איך וועל זיין צו זיי צוריק אַ גאָט, און זיי צו מיר — אַ פאָלק!

* * *

גאָט איז גערירט, ער האָט זיך דערמאָנט אין פאָלק ישראל, און ער טראַכט עס אויסצולייזן... ער וועט שיקן צו זיי משיח, און ער וועט זיי ברענגען צוריק אין זייער לאַנד, און ווידער וועט ער מאַכן רוען זיין שכינה אויף זיי, און זיין צו זיי אַ גאָט.

און גאָט־ברוך־הוא שטייט אויף פון זיין שטול, און גייט צום היכל פון משיח, נאָר ווען גאָט־ברוך־הוא קומט צום היכל צו, דער־פילט ער די גרויסע קדושה, און די אומענדלאַכע הייליגקייט, וואָס רינגלט אים אַרום, ווייסט גאָט, אַז ער וועט משיח׳ן אויף דער וועלט ניט אַראָפּשיקן, דען צו טמא איז די וועלט פאַר אים. משיח וואָלט דאָרטן פון דעם בלויזן אומריינעם הבל פּה אומגעקומען, און ווידער וואָלט ער, גאָט, געבליבן עלנט און אַלע זיינע וועלטן אָן דעם בעסטן פון זיין שאַפונג, אָן זיין טרייסט, אָן דער קרוין פון זיין שאַפונג.

און גאָט־ברוך־הוא קומט אַריין אין היכל פון משיח, און ווען משיח דערזעט אים, שרייט ער אויס מיט וויי:

— פאָטער! איך גיי!... איך קום צו זיי! שיק מיך! איך מוז זיי שוין אויסלייזן! איך בין דאָך זייער משיח!...

נאָר גאָטס שטימע ענטפערט אים ווייך:
— באַרואיג דיך קינד... דו ביסט מיין משיח!... מיין משיח!...

ה.

קאַכט און זידט דאָס רציחה־בלוט ביי די פאַרפאָלגער איצט טאָג פאַר טאָג; הערט די האַק נישט אויף צו פאַלן אויף אידישע קעפּ, טרייבט מען אידן צוריק אין געטאָ, אין אַנדערע לענדער — גאָר פון לאַנד, גיסט זיך אידיש בלוט ווי וואַסער, וויינט רחל הויך אויפן קול, און אין אַלע וועלטן הערט זיך איר געשריי:

— מיינע קינדער! מיינע קינדער!...

ווערט דאָס לאָגל פון טרערן פול יעדע מינוט, זיצט משיח נעבן כסא הכבוד און טרינקט אויס דעם בעכער זעכציג מאָל אין אַ שעה, און ער שרייט יעדעס מאָל און בעט זיך:

— פאָטער, שיק מיך דיין פאָלק ישראל אויסלייזן. עס וועט דאָך חלילה שוין באַלד ניט זיין וועמען? זיי וועלן דאָך דיין פאָלק אינ־גאַנצן אומברענגען!

פילן די אבות, אַז עס איז אַן עת רצון ביי גאָט, און קומען צולויפן, און משה הויבט אויף זיין קול און רעדט:

— איבער אַלע פעלקער ביסטו, גאָט, אַרומגעגאַנגען, און קיינער האָט דיין תורה נישט געוואָלט צונעמען, בלויז די אידן האָבן דיין

צבי כהן

תורה געגומען. ווילסטו אַלע אַנדערע פעלקער זאָלן בלייבן און דיין פאָלק פאַרניכטן?

און גאָטס שטימע ענטפערט אים:

— משה, דו האָסט ניט געקענט קומען אין לאַנד, וואָס כ'האָב צוגעזאָגט מיינע קינדער, ווייל דו ביסט צו הייליג פאַרן לאַנד, און דאָס לאַנד צופיל טמא פאַר דיר. עס איז פול געווען דעמאָלט מיט געצן, און מיט דער טומאה פון די פעלקער, אַזוי איז אויך משיח בן דוד צו הייליג, אַז ער זאָל קענען קומען איצט אויף דער וועלט. עס איז די וועלט צופיל טמא. ער וואָלט פון דעם הויך פון דער טומאה באַלד פאַרניכטעט געוואָרן. אָבער איך וועל מיינע קינדער נישט פאַרגעסן, איך וועל דעריבער שאַפן פאַר זיי אַן אַנדערן משיח, אַ משיח פון דער טומאה, פון די גרעסטע זינד אויף דער וועלט, און ער וועט מיטן כח פון זיין טומאה די טמא'דיגע וועלט באַקעמפן, ער וועט פירן מיין פאָלק אין זייער לאַנד, אָבער אין קאַמף מיט דער טומאה וועט ער פאַלן, ווייל ער איז אויך פון דער טומאה, און די טומאה מוז אינגאַנצן פאַרניכטעט ווערן! ערשט דערנאָך וועל איך מאַכן רוען מיין קדושה אויף זיי, און הייליג וועלן זיי צו מיר זיין, און שיקן וועל איך צו זיי משיח בין דוד, וואָס וועט אויסלייזן זיי צו מיר, און פון זיי די גאַנצע וועלט.

דאָס ליד פון אויסלייזונג

ז.

און גאָט האָט גערופן דעם שטן, און צו אים געזאָגט:

— גיי אין דיינע וועלטן און שאַף מיר אַ משיח פון לויטער טומאה, פון אַלע זינדן אויף דער וועלט: פון דער זינד פון לוט מיט זיינע טעכטער, פון יהודה מיט תמר׳ן, פון מכירת יוסף, פון פאַרברעכן פון צלפחד, דער מקושש עצים אין שבת, פון דעם חטא פון די מרגלים, פון ווידערשפעניגן פון קורח׳ן און זיין עדה; די זינד פון פלגש בגבעה, דער חטא פון דוד׳ן מיט בת שבע׳ן — אַלץ נעם צונויף, און שאַף פון דעם מיר אַ משיח, אַ משיח פון די מ״ט שערי טומאה, און ברענג אים פאַר מיר.

און דער שטן איז אַוועק אין זיינע אונטערערדישע היכלות, און גערופן זיינע משרתים און לאַפיטוטן צו העלפן אים שאַפן דעם משיח.

און געדויערט האָט די אַרבעט פערציג טעג און פערציג נעכט. און קיינער נישט, אויסער דעם שטן, לילית און אַלע פון זיין כת, האָבן זיך צו דער אַרבעט ניט צוגערירט.

און ווען די אַרבעט איז געווען פאַרענדיגט, האָט דער שטן גע־פרעגט ביי לילית׳ן:

— ווי אַזוי זאָל איך אים רופן?

און לילית האָט געענטפערט:

— משיח בן יוסף! ווייל יוסף האָט זיך אַרויסגעריסן דאָס ערשטע

צבי כהן

מאָל פון זליכה׳ס הענט, שפּעטער איז ער געקומען צוריק צו איר, און מיט איר געזינדיגט, און צוליב די זינד מיט איר איז ער געשטיגן, צו ווערן דער צווייטער הערשער פון מצרים, דען עס איז נאָך קיינמאָל נישט פּאַרלאָפן, אַז אַ מאַן זאָל זיך ראַטעווען פון אַ נעץ פון זינד, וואָס אַ פרוי פאַרשפּרייט פאַר אים! אויף אָט די זינד פון יוסף האָט זיך אויסגעבויט דאָס גאַנצע מלכות פון ישראל, און עס האָט זיך די זינד פון זיי קיינמאָל נישט אָפּגעטאָן, ביז דאָס לאַנד איז צעשטערט געוואָרן.

און ווען דער שטן האָט געבראַכט משיח׳ן פאַר גאָט, האָט גאָט־ברוך־הוא געפרעגט דעם מלאך מטטרון:

— ווי אַזוי זאָל איך אים רופן?

און דער מלאך האָט געענטפערט:

— נחמיה בן חושים, ווייל ער וועט זיין אַ טרייסטער, און וועט איילן צו ברענגען הילף צו דיין פאָלק.

און גאָט האָט געזאָגט:

— איך וועל אים רופן מנחם בן עמיאל, ווייל ער וועט זיין אַ טרייסטער, און אָנזאָגן מיין פאָלק, אַז גאָט איז מיט זיי.

האָט דער שטן געזאָגט:

— און איך רוף אים משיח בן יוסף.

האָט גאָט געזאָגט צום שטן:

— זאָל אַזוי זיין זיין נאָמען און איצט נעם דיין משיח און באַהאַלט אים אין דיינע היכלות, און איר זאָלט אים אַלע גוט היטן,

דאָס ליד פון אויסלייזונג

דען ער קען מיט כח פון דער טומאה די גאַנצע וועלט מיר פאַרניכטן, און דו זאָלסט אָפּוואַרטן מיינע צייכנס, צען וועלן זיי זיין. צען צייכנס פון אָנהויב פון דער גאולה ביז צום קומען פון גואל, משיח בן דוד. און איך וועל דיר געבן מיין צייכן ווען צו שיקן דיין משיח צו קעמפן מיט דער וועלט, און עס וועט זיין דיין משיח, וואָס וועט פירן מיינע קינדער אין זייער לאַנד!

האָט זיך דער שטן געבוקט פאַר גאָט, און האָט גענומען משיח בן יוסף און אים אָפּגעפירט צוריק אין זיינע וועלטן, און ער האָט אים דאָרטן פאַרשפאַרט אין אַ באַזונדערן היכל, און אָנגעזאָגט אַלע רוחות און שדים צו היטן אים.

דריטער טייל

דאָס געזאַנג פון ציון

ממזרח אביא זרעך
וממערב אקבצך.
(ישעיה מ״ג).

א.

און עס וועט זיין ווען עס וועלן קומען די טעג פון משיח, וועט גאָט־ברוך־הוא שיקן אויף דער וועלט זיינע צען צייכנס, וואָס וועלן זיך ציען פון אָנהויב פון דער גאולה ביז צו איר סוף. און עס וועלן קומען די צייכנס, כדי אָנצוזאָגן די אידן און דער וועלט, אַז די גאולה איז נאָענט, און אויך כדי צו לייטערן די אידן פון דער טומאה פון גלות, און די וועלט פון איר בייזן גייסט.

און גאָט־ברוך־הוא וועט שיקן אויף דער וועלט זיין ערשטן צייכן: דער גרויסער פחד.

עס וועט קומען אַ מלכות הרשעה, וואָס איז דער מקור פון אַלעס שלעכטס פון שורש יון, און וועט פאַרפירן אַ מלחמה מיט יושר־דיגע מלוכות, וועלן צושטיין צו איר אירע פריינט, רשעים אַזוי ווי אַליין, און צו די יושר׳דיגע מלוכות וועלן צושטיין ווידער זייערע פריינט, מענטשן, וואָס שטרעבן צו ליכט און פרייהייט, וועט די מלחמה זיין די בלוטיגסטע פון אַלע מלחמות, וואָס זיינען געווען ביז אַהער, און טויזנטער וועלן פאַלן אויף די מלחמה־פעלדער, און די וועלט וועט ווערן וויסט.

דאָס ליד פון אויסלייזונג

אָבער ערגער פון דעם וועט זיין דער גרויסער פחד, וואָס וועט באַפאַלן דעם מענטשן נאָך דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה, און עס וועט אויסזען, אַז עס וועט קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען.

עס וועט קומען אַ צייט, ווען מענטשן וועלן אַרומגיין און זיך פורכטן פאַרן אייגענעם שאָטן און וועלן ציטערן אַליין צו בלייבן אין הויז, זיי וועלן מורא האָבן פאַר מענטשן, און וועלן נישט וויסן ווי אַזוי זיך אויסצובאַהאַלטן.

און אַ הונגער וועט הערשן איבער דער וועלט, וואָס איז נאָך אַזוינס ניט געווען.

און צום סוף פון די טעג פון ערשטן צייכן אין דער צאָל פון ניין־און־דרייסיג וועלן דריי קיסרים פאַרלירן זייערע קרוינען.

און הערן וועט זיך דער ערשטער שאָל פון שופר של משיח: די גאולה הויבט זיך אָן.

וועט ווערן אַ התעוררות צווישן אידן, און זיי וועלן וויסן, אַז די טעג פון משיח האָבן זיך שוין אָנגעהויבן.

און דאָס מלכות פון לייב וועט געבן צו די אידן איר צייכן, און די טעג פון שיבת ציון וועלן זיך אָנהויבן.

און די מאַמע רחל מיט אירע פריילינס וועלן זיך איצט אָנטאָן אין ווייסן, און זי וועט אַרויסגיין און שטיין אויף דער שיידונג פון די וועגן, און ווען די ערשטע גולים וועלן אָנקומען מיט זייערע פעק־

צ ב י כ ה ן

לאָך אויף די פּלייצעס, וועט די מאַמע אונזערע טאַנצן פאַר פריידֿ, און שרייען:

— זעט, מיינע קינדער קומען צוריק, מיינע קינדער קומען! זעט, עס איז מיר צוריקגעגעבן געוואָרן דאָס ליכט פון די אויגן. די טעג פון משיח הויבן זיך אָן, און מיינע קינדער קערן זיך אום צו זייער לאַנד!

ב.

אָבער באַלד נאָך דעם וועט קומען דער צווייטער צייכן: דער בלוטיגער טוי.

און קומען וועלן טעג שרעקלאַכע, טעג וויסטע; טעג ווען מענטשן וועלן אַרומלויפן ווי ווילדע חיות. אין גאַנצע באַנדעס וועלן זיי אַרומ־לויפן און חרוב מאַכן אידישע קהלות, און אָפּמעקן גאַנצע שטעט פון דער וועלט.

אין יענע טעג וועלן מענטשן לעבן אויף בוידעמס און אין קע־לערס מער ווי אין וואוינונגען, און מען וועט מורא האָבן פאַרן שיין פון דער זון, און אַנדערע וועלן בעטן אויף זיך דעם טויט, און גראָבן וועלן זיי גריבער און זיך אַריינלייגן אין זיי, און וואַרטן אויפן טויט, דען דער טויט וועט זיין טייערער ווי דאָס לעבן.

און אַלע פעלדער און וועלדער וועלן זיין מיט בלוט פול, און

דאָס ליד פון אויסלייזונג

ווען עס וועט אויפגיין דער טוי, וועט ער ווערן באַלד רויט פון די בלוטן פון די אומשולדיגע מענטשן.

און די גאַסן וועלן זיין פול מיט טויטע קערפּערס, און עס וועט נישט זיין ווער עס זאָל זיי באַגראָבן, און הינט און ווילדע חיות וועלן אַרומשלעפּן זייערע ביינער.

און עס וועט זיין צום סוף פון צייכן, אין דער צאָל פון צוועלף, וועלן די פעלקער זיך צונויפזאַמלען, און וועלן זאָגן צו יהודה: לעב אויף! און צו ישראל וועט צוריק אומגעקערט ווערן זיין לאַנד ציון.

ג.

באַלד דערנאָך וועט קומען דער דריטער צייכן, דער צייכן פון פאַרזיגלטע טויערן.

דער אַלמעכטיגער וועט אַריינגעבן אין געדאַנק פון קנעכט צו הערשן איבער דער וועלט.

וועלן זיי דאָס אויסנוצן פאַר זייערע נקמה־צוועקן, וועט דעמאָלט נישט זיין נישט קיין רעכט און נישט קיין ריכטער, קיין משפט און קיין גערעכטיגקייט, נאָר עס וועט הערשן דער בייזער גייסט פון וויס־טער נקמה.

און זיי וועלן זאָגן די קנעכט, אַז זיי וועלן בויען אַ נייע וועלט, אָבער עס וועט זיין ערגער פון אַמאָל, און דער קלוגער מענטש וועט מוזן שווייגן אין יענער צייט.

צבי כהן

און פֿאַרזיגלט וועלן ווערן די טויערן פֿון חכמה, און יעדעס וויסן וועט אָפּגעמעקט ווערן, און די חכמים וועט מען פֿון די בעטן בייַנאַכט אַרויסנעמען, און זיי ערגעץ־וואו פֿאַרפֿירן, פֿונוואַנען זיי וועלן מער נישט קומען צוריק.

און אַנטלויפֿן וועלן דעמאָלט די מענטשן, וואו נאָר די אויגן וועלן זיי טראָגן, און זיי וועלן טראַכטן וועגן ווילדע חיות, אַז זיי זיינען מער מענטשלאַכער ווי דער מענטש.

און אין יענע טעג וועלן זיין זייער ווייניג ערלאַכע מענטשן, דען דאָס רוב וועלן זיין נישט קיין טרייַע פֿאַסטוכער, און נישט קיין וואָרהאַפֿטיגע מענטשן.

און עס וועלן זיך מערן די פֿאַרפֿירער און פֿאַררעטער, די פֿאַלשע נביאים און זייערע נאָכפֿאָלגער.

און פֿאַרשלאָסן וועלן ווערן די קוואַלן פֿון לעבן, און דער הונגער וועט הערשן איבערן לאַנד, און געשוואָלן וועלן ווערן די מענטשן פֿון הונגער, אָבער קיינעם וועט עס נישט אַרן, ווייל עס וועט פֿאַרשטאָפּט ווערן דער קוואַל פֿון רחמים, און אויסגעלאַכט וועט ווערן באַרמהערציגקייט.

און עס וועט זיין צום סוף פֿון די טעג, וועלן אין גרופּן קומען יונגע אידן קיין ארץ ישראל, און אידישע קינדער וועלן פֿאַרלאָזן די לערנהייזער צו האַקן שטיינער און צו בויען דאָס לאַנד, און ישובים וועלן וואַקסן איבער דער לענג פֿון יהודה און פֿון גליל, און

דאָס ליד פון אויסלייזונג

די מאַמע רחל וועט שפּרייזן איבער די נייע אידישע באַזעצונגען, און שרייען הויך איבערן לאַנד:
— זאָגט אָן די בשורה דער גאַנצער וועלט! ציון לעבט אויף! ציון ווערט אויסגעלייזט!

ד.

דער פערטער צייכן וועט זיין: דאָס אויפשטייגן פון אדום.

עס וועט אויפשטיין אַ הערשער פון אדום, וואָס וועט וועלן צוריק אויפשטעלן דאָס מלכות פון אדום הרשע, רוים זאָל זיין אַזוי שטאַרק ווי אַמאָל און אפילו נאָך שטאַרקער.

און ער וועט אָפּשאָפן אין לאַנד אַלע געזעצן, און הערשן מיט דער שטאַרקייט פון זיין פויסט, און ער וועט העכערן די צינזן צען מאָל אַזוי פיל, און ער וועט רודפ'ן יעדן מענטשן, וואָס דענקט רעכט.

און חלומ'ען וועט ער צו פאַרניכטן דאָס מלכות פון לייב.

און ער וועט שטערן דאָס צוריקומען פון די קינדער פון ישראל אין זייער לאַנד, און ער וועט העצן די איינוואוינער פון לאַנד געגן די אידן, און אידיש בלוט וועט זיך גיסן טאָג פאַר טאָג, וואָך פאַר וואָך, חודש פאַר חודש, אַזוי אַ צייט לאַנג.

אָבער די אידן וועלן זיך פון אים ניט אָפּשרעקן. אין איין האַנט וועלן זיי האַלטן אַ שווערד צו קעמפן מיטן שונא, און אין דער אַנדערער האַנט אַ שפּאַדל צו גראָבן די ערד.

צבי כהן

און זיין וועט דעמאָלט שווערע טעג פאַרן אידישן פאָלק, וואָס קומט צוריק, ווייל די איינוואוינער פון לאַנד וועלן זיין פאַרביטערט און חוצפּה׳דיג, און זיי וועלן ניט לאָזן אויסבויען דאָס לאַנד.

און זיין וועט צום סוף פון יענע טעג, וועלן וואַקסן וואוין־פּונקטן נאָך וואוין־פּונקטן איבערן גאַנצן לאַנד, און וואו עס איז נאָר געווען וויסט, וועט מאָרגן זיך הערן דאָס געלעכטער פון יונגע מענטשן, וואָס וועלן באַזיגן דאָס לאַנד, און אויפלעבן וועט ציון, און וועט ווערן אַ שיין גרויס אידיש לאַנד, נאָך הערלאַכער און שענער, ווי זי איז געווען אַמאָל.

ה.

דער פינפטער צייכן וועט זיין: דאָס אויפשטייגן פון גוג ומגוג, פון שורש פון עמלק.

גאָט־ברוך־הוא וועט אַריינגעבן אין געדאַנק אין איינעם פון די מינדסטע פון חיל פון גוג ומגוג, צו הערשן איבערן לאַנד פון די כלומרשט קלוגע, וואו דער קיסר וועט פאַרטריבן ווערן.

און ער וועט שאַפן אַרום זיך אַ גרויסע מאומה׳דיגע באַנדע, וואָס ער וועט מושטירן אין אַ חיל. דאָרטן וועלן זיין מאוסע, נידעריגע, מזוהמ׳דיגע און בלוט־דורשטיגע מענטשן.

און זיי וועלן האַלטן דאָס גאַנצע לאַנד אין מורא צו רעדן אַ וואָרט געגן זיי.

דאָס ליד פון אויסלייזונג

און זאָגן וועט מען וועגן זיי, אַז זיי האָבן צו צוויי קעפּ צו זוכן און פאָרשן שלעכט צו טאָן מענטשן, און מיט זיבן אויגן וועט יעדער פון זיי זען וואו עס שיינט נאָך אַביסל ליכט ערגעץ־וואו, און עס פאַרלעשן.

און זיי וועלן זיין די בלוטיגסטע רוצחים פון דער וועלט, נעגל ווי ביי אָדלערס, ציין ווי ביי אַ לייב, באַקן־ביינער ווי ביי אַ וויזל־טיר. און לייכט וועלן זיי זיין אין קריג צו לויפן אויף צו פאַרניכטן אַזוי ווי הערשן, און בלוט־דורשטיג וועלן זיי זיין ווי שאַקאַלן.

און זייער הערשער וועט פּייניגן די אידן אין זיין לאַנד.

און זיי וועלן אַרויסרופן האַס צום אידישן פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט, און שליחים וועלן זיי שיקן אומעטום צו רופן צו האַס צום אידישן פאָלק.

און אויף זייער פאָן וועט עס זיין אויפגעשריבן: האַס און פאַר־ניכטונג פון די אידן, און אידיש בלוט וועט זיך גיסן ווי וואַסער.

און עס וועלן זיך פאַרקוקן אויף זיי אַנדערע לענדער אין זייער שכנות, און וועלן אויך רופן צו האַס אויף אידן, און אידיש בלוט וועט אויך דאָרטן זיין הפקר.

אין יענער צייט וועלן זיין דריי מלוכות, וואָס די ראשי תיבות פון די זייערע הערשער וועלן זיין ה מ ן. דאָס וועט זיין דער נייער המן, וואָס וועט וועלן די אידן פאַרניכטן פון דער וועלט.

און פאַר גוג ומגוג וועט ציטערן די גאַנצע וועלט. די גרעסטע לענדער וועלן בייגן זייערע קעפ פאַר אים, כדי אים נישט צו דערצאָרענען און נישט צו ברענגען אים אין ווילדן כעס אַריין, כדי די וועלט נישט צו פאַרניכטן.

אין יענער צייט וועלן זיך אין די המן־לענדער באַהאַלטן קינדער אונטער זייערע מאַמעס, און די מאַמעס הינטער זייערע מענער, און זייערע מענער הינטער די זקנים, און זיי וועלן שרייען:

— ווי צו אונז! ווי צו אונז! ווער וועט אונז ראַטעווען פון די ווילדע חיות?

און עס וועט זיין צום ענדע פון דעם צייכן וועט זיך הערן די צווייטע שאַלונג פון שופר פון משיח, און עס וועלן זיך צונויפזאַמלען די פעלקער פון דער וועלט, און וועלן זאָגן צו די אידן:

— קערט זיך אום קיין ארץ ישראל, צו אייער לאַנד,איר זאָלט זיין צו אַ מלוכה מיט אַלע מלוכות צוגלייך, ווי קליין און שמאָל עס זאָל נישט זיין! דען אויסגעברייטערט וועלן נאָך ווערן אייערע גרעניצן, אָבער וואַרט פאַר דעם טאָג אין אייער לאַנד, און בויעט עס אויף פאַר אייער היים!

ז.

דער זעקסטער צייכן וועט זיין ארמילוס.

דאָס וועט זיין אין די שפּעטערדיגע טעג, ווען גוג ומגוג, אדום און

דאָס ליד פון אויסלייזונג

אַלע אַנדערע רשעים וועלן שליסן איין בונד צו פאַרניכטן אַלע לענ־דער, וואָס ווילן נישט גיין אין זייערע פאַרדאַרבענע וועגן. דער נאָמען פון דעם בונד וועט זיין ארמילוס, וואָס איז די ראשי תיבות פון די אַלע רשעות׳דיגע לענדער.

און ארמילוס וועט אַנוואַרפן אַ שרעק אויף אַלע לענדער, און ער וועט פאַרפירן מיט זיי אַ מלחמה.

און ער וועט זאַמלען דאָס חיל פון גוג ומגוג און פון אדום הרשע און אַלע אַנדערע רשעות׳דיגע לענדער, און וועט אַנצינדן אַ וועלט־פייער, וואָס עס איז נאָך אַזוינס נישט געוועןַ.

אין יענער צייט וועט ער זיך פאַרמעסטן אויף צו צונעמען פון די אידן זייער לאַנד און זיי פון דאַרט ווידער צו פאַרטרייבן.

און עס וועט זיין אין יענעם גרויסן וועלט־פייער, וועט גאָט אַראָפּשיקן אויף דער וועלט משיח בן יוסף.

און ער וועט רופן די אידישע יונגעלייט צום קריג, און ער וועט זאַמלען אַרום זיך די בעסטע און שטאַרקסטע פון זיי, אָבער אַלע וועלן מיט אים גיין, אויך אַלטע לייט און אפילו פרויען.

און ער וועט קומען מיט זיין מחנה און ער וועט קעמפן מיט ארמילוס הרשע, און ער וועט זיגן איבער אים.

אָבער אין דעם קאַמף וועט משיח בן יוסף פאַלן, און די אידן וועלן באַלד אַרויסגעבן פון זיך אַ נייעם פירער, און זיי וועלן משיח בן

צבי כהן

יוסף טראָגן אויף זייערע אַקסלען, און באַגראָבן אין ערשטן קבר פון די נייע אידישע פירשטן.

ז.

און גאָט־ברוך־הוא וועט שיקן זיין זיבעטן צייכן: ברייטע גרעניצן.

עס וועלן זיך צונויפקומען די פעלקער פון גאַר דער וועלט, און וועלן מאַכן אַ סוף צו דער ממשלה פון ארמילוס, און זיי וועלן צעטיילן אַנדערש די לענדער, און הערשן וועט איר גערעכטיגקייט.

און עס וועט מער נישט זיין קיין מלכות גוג ומגוג, און נישט מער קיין מלכות אדום הרשע, און נישט די אַנדערע מלוכות פון די רשעות׳־דיגע לענדער, דען די פעלקער וועלן ווערן באַפרייט, און וועלן אַליין רעגירן איבער זייער לאַנד, און הערשן וועלן די, וועלכע זיי וועלן אויסדערוויילן, און זיי וועלן הערשן מיט רעכט און משפט, מיט יושר און ליבשאַפט צו זייערע אינטערטאַנען.

און עס וועט זיין אין יענער צייט, וועלן די פעלקער פון דער וועלט ברייטער מאַכן די גרעניצן פון ארץ ישראל, פון דן ביז באר שבע, און פון דמשק ביז אשקלון, און עפענען וועלן זיי די טויערן פון לאַנד פאַר אַלע קינדער פון ישראל וואָס זיינען צעשפּרייט איבער גאַר דער וועלט.

און עס וועלן קומען די אידן פון הינטער דעם טייך גוזן און פון די ווייטסטע ווינקעלאַך אין מדי, און אויך די פאַרטריבענע צען שבטים.

דאָס ליד פון אויסלייזונג

ח.

און גאָט־ברוך־הוא וועט געבן זיין אָכטן צייכן: די דריטע שאַלונג פון שופר של משיח.

און אָרדענונג וועט איינגעשטעלט ווערן אין מלכות יהודה וישראל, און שטעט וועלן געבויט ווערן, און אויפן ים וועלן שיפן טראָגן צו איר אַלדאָס־גוטס פון אַלע אַרומיגע לענדער.

און עס וועלן זיך צוזאַמענקומען די בעסטע זין פון פאָלק, און וועלן זאָגן: זאָלן מיר אויסוויילן פאַר אונז אַן עלטסטן, וואָס זאָל שטיין אין דער שפּיץ פון לאַנד.

און די וואָלן וועט פאַלן אויף איינעם, וואָס מיט גייסט איז ער געשטאַנען העכער די גאַנצע צייט איבער אַלעמען, און וועלכער האָט אַלע ליידן פון ציונס־געבורט געטראָגן אין זיין האַרצן.

און זיי וועלן זאָגן צו אים: קום, און זיי אונזער ערשטער הער־שער, ווייל אַזוי וויל דאָס פאָלק.

און עס וועט זיין אין יענע טעג, וועט דאָס פאָלק זאַלבן דעם נייעם הערשער, און אים פירן אונטער אַ חופה איבער די גאַסן פון ירושלים, און נאָך אים וועלן גיין אַלע עלטסטע און אויסגעוויילטע פון פאָלק.

און טראָגן וועט זיך די בשורה אין אַלע ווינקעלאַך פון דער וועלט:

— ציון איז אויסגעלייזט געוואָרן און יהודה איז אַ מלכות צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט!

צבי כהן

ט.

און גאָט־ברוך־הוא וועט געבן זיין ניינטן צייכן: אַ נייער גייסט.

און ער וועט אַריינטאָן אַ נייעם גייסט אין די אַלטע ווערטער פון דער תורה, און אַלע וועלן זי פאַרשטיין, און זי וועט ווערן זייער שטרעבן און זייער באַגער.

און ער וועט עפענען די אויגן פון די אידן צו זען אמת און רעכטפאַרטיגקייט, וואָרהאַפטיגקייט און לייטזעליגקייט.

און ער וועט פאַרטרייבן אויף אייביג אין שאול תחתיה דעם שטן מיט אַלע משחיתים.

און עס וועט געמאַכט ווערן דער אָנהויב אין ציון, אין דעם נייעם לאַנד פון יהודה און ישראל.

און אַלע פעלקער פון דער וועלט וועלן זיך וואונדערן, ווי אַזוי יהודה האָט צוריק אויפגעלעבט, און וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע געזעצן עס הערשן דאָרט, און ווי טיף די מענטשן פאַרשטייען און באַגערן דאָרטן דעם אמת.

און זיי וועלן שיקן מענטשן קיין ציון און יהודה צו לערנען די נייע וועגן צו דינען גאָט און מענטש.

און דאָס לאַנד וועט ווערן ריין און הייליג, דען הייליג וועלן זיין די מענטשן, גרויס און ערהאַבן!

דאָס ליד פון אויסלייזונג

י.

און גאָט־ברוך־הוא וועט איצט שיקן זיין צענטן צייכן: משיח בן דוד.

גאָט־ברוך־הוא וועט צוגיין צום היכל פון משיח, און צו משיח'ן אַזוי זאָגן:

— קום, מיין קינד, גיי אַראָפּ צו דיין פאָלק ישראל. לייז זיי אויס צום לעצטן מאָל, לייז אויס די אידן און דורך זיי די גאַנצע וועלט.

און משיח וועט באַלד צערייסן די קייטן, אין וועלכע ער איז געבונדן, און ווי שפּינוועבס וועלן זיי זיין אין זיינע הענט. און ער וועט זיך לאָזן פירן פון גאָט.

און גאָט־ברוך־הוא וועט אים צופירן צו אַ פּלאַץ, וואָס הייסט ירושלים של מעלה, און וועט זאָגן צו אים:

— גיי אַראָפּ פון דאַנען אין ירושלים של מטה, דען עס איז דאָרט שוין געענוג ריין פאַר דיר, און לייז מיר אויס פון דאָרטן מיין פאָלק; לייטער זייערע געדאַנקען און מחשבות אויף נישט צו טראַכטן קיין שלעכטס אויף קיינעם, און צו באַהעפטן זיך נאָר מיט מיר, און פון זיי, און דורך זיי, לייטער אויס מיר די וועלט און ברענג מיר צוריק די גאַנצע יצירה, אַזוי ווי זי איז אויפגעגאַנגען פריער אין מיין מחשבה, איידער איך האָב זי געשאַפן, ריין און אומשולדיג ווי אַ קינד!

צ ב י כ ה ן

און משיח וועט ענטפערן:
— עס זאָל געשען דיין ווילן, האַר, אמן, כן יהי רצון!

(סוף)